STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05049

# VIL MOSKVE FARNIKHTN YISROEL?

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Dr. Roy & Sandra Gottesman*
*in memory of*
*their parents, Harry & Sarah Gottesman and Henry & Anna Cohen*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# וויל מאסקווע
# פארניכטן ישראל
# ?

# אינהאַלט:

עובדיה פעלד — די פּאָליטיק פון מאָסקווע, וואָס צילט צו פאַרניכטן ישראל.

ד״ר משה סנה — א האלב יאָר נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה.

אביעזר גולן — אלוף ישעיהו גביש — דער גרעסטער ישראל־סטראטעג.

אייזיק רעמבאַ — שרה אראָנסאָן — דאָס לעבן און טויט פון דער ניל״י־העלדין.

# א פאליטיק וואס צילט צו פארניכטן ישראל

## — עובדיה פעלד —

אין דער בראָשור „שלום מיט די אראבער נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה" האָב איך צווישן אנדערן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די איצטיקע פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד צילט פאקטיש צו דער פארניכטונג פון מדינת ישראל. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, האָב איך זיך באַגרענעצט צו אייניקע אַלגעמיינע טענות. אָבער צוליב דער ערשטראַנגיקער וויכטיקייט פון דער טעמע איז נויטיק איר צו שענקען אַ ברייטערער באַהאַנדלונג.

עס וועט נישט זיין קיין שום גוזמא צו זאָגן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז היינט צו טאָג איינער פון די גרעסטע און געפערלעכסטע שונאים פון ישראל אָן שום ערנסטער סיבה מצד דער יידישער מדינה. פאַר דער 6־טאָגיקער מל־חמה און נאָך איר זעבען געוועזן מאָמענטן, ווען עס האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז אין מאָסקווע איז דער ווולקאַן פון שנאה כלפי ישראל אָפט שטאַרקער ווי אין קאַיר, אָדער אַנדערע אראבישע הויפּט־שטאָט.

די סאָוויעטישע רעגירונג האָט נאָך פאַר דער ערשטער גרויסער געווער־טראַנזאַקציע אין 1955 געפירט אַ פּראָ־אַראַבישע פּאָליטיק און ארויסגעוויזן אן אייזן־קאַלטע באַ־

ציאונג לגבי ישראל. אָבער די דאָזיקע אויסגעשפּראָכענע פּראָ־אראבישע פּאָליטיק האָט זיך געשטארקט אין די שפּע־טערדיקע יאָרן פּאַראַלעל מיטן וווּקס פון די סאָוויעטישע געווער־ליפערונגען פּאַר די אראבישע מדינות, ספּעציעל פאַר מצרים און סיריע, ווען מענט פירער האָבן ביי אַלע גע־לעגנהייטן נישט פאַרגעסן צו באַטאָנען, אַז ישראל מוז פאַרניכטעט ווערן ווי אַ פרעמדער עלעמענט אין דער אראַ־בישער וועלט.

די פאַרטיידיקער פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק טע־נהן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד נוצט אויס דעם ישראל־אַראַ־בישן קאָנפליקט, כדי אויסצובריייטערן די אייגענע השפּעה אויפן מיטעלן מזרח און גלייכצייטיק דערפירן צו דער איינשרומפּונג פון די פּאָזיציעס און אינטערעסן פון די מערב־גרויסמאַכטן אין דעם טייל פון דער וועלט. און דאָס איז אַ פולשטענדיק לעגאַלע פּאָליטיק פון אַ גרויסמאַכט מיט וועלט־אינטערעסן, פּונקט ווי עס טוען דאָס זעלבע אויך די פאַראייניקטע שטאַטן, גרויס־בריטאַניע און פראַנק־רייך.

די פאַרשטייער פון מאָסקווע טענהן אויך, אַז אין ער־געץ איז נישט געשריבן, אַז נאָר די מערב־גרויסמאַכטן האָ־בן די מאָנאָפּאָל־רעכט אויסצובריייטערן זייערע פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע איינפלוסן מחוץ די גרע־נעצן פון זייערע אייגענע לענדער. דאָס דאָזיקע רעכט האָבן אויך קאָמוניסטישע מדינות מיטן ראַטנפאַרבאַנד בראש.

קיין שום אָביעקטיווער אָבסערוואַטאָר קאָן נישט קוועסטיאָנירן די רעכט פון ראַטנפאַרבאַנד אויסצובריייטערן זיינע איינפלוסן אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, כל־זמן דאָס ווערט געמאַכט מיט פרידלעכע מיטלען, וואָס

„אַדראָען נישט דעם עצם־קיום פון אַ באַשטימטער מדינה, אָדער פאָלק. דערביי דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז ווען די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער אַן אַנדערע מערב־גרויס־מאַכט באַמיט זיך אויסצוברייטערן אירע איינפלוסן מיט ווירטשאַפטלעכע און אַנדערע אַנגענומענע מיטלען, ווערט דאָס אין מאָסקווע באַצייכנט אַלס אימפּעריאַליזם, אָבער ווען דאָס זעלבע טוט אַ קאָמוניסטישע גרויסמאַכט איז דאָס א „הומאַניטאַרע טעטיקייט, וואָס האָט דעם ציל צו באַ־פרייען די שוואַכע מדינות פון נעאָ־קאָלאָניאַליסטישער און אימפּעריאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע”.

## קענען ווערטער באַוואָפנט מען די אראבער

וואָלט זיך די הילף פון ראטנפארבאנד און אַנדערע קאָמוניסטישע מדינות זיך באַגרענעצט צו בויען די אַסואַן־דאַמבע, צו העלפן מצרים אויפשטעלן נייע פאַבריקן מאָ־דערניזירן די לאַנדווירטשאַפט, בויען אונטערנעמונגען צו אַנטזאַלצן דאָס ים־וואַסער, באַפרוכפּערן דעם מדבר, וואָס פאַרנעמט 90 פּראָצענט פון דער מצרישער טעריטאָריע, וואָלט מען נאָר געקאָנט באַגריסן די דאָזיקע קאָנסטרוק־טיווע און הומאַניטאַרע הילף.

אָבער ליידער נעמט די סאָוויעטישע הילף פאַר מצרים, סיריע און אַנדערע אראבישע מדינות אָן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. די גרעסטע און שטאַרקסטע סאָציאַליסטישע מדינה אין דער וועלט, וועלכע פאַרגעסט נישט דעם 1־טן מאי אונטערצושטרייכן די לאָזונג פון „ברידערלעכקייט צווי־שן די פעלקער”, האָט באַשלאָסן אויסצוברייטערן אירע איינפלוסן אויפן מיטעלן מזרח נישט מיט דער הילף פון

„האמער און סערפּ״, וואָס סימבאָליזירן מענטשלעכע פּראָצע, נאָר דורך טאַנקן, האַרמאַטן און מיגן.

אין משך פון 10 יאָר האָט דער ראַטנפאַרבאַנד פאַרוואַנדלט דעם אַראַבישן מיטעלן מזרח אין איינעם פון די גרעסטע אַרסענאַלן אין דער וועלט, וואָס שטייט נישט אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו די מיליטערישע באַדערפענישן פון די פעלקער פון דעם ראַיאָן און זייערע פינאַנסיעלע און ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן.

פרעגט זיך דעריבער די פּשוטע פראַגע: קעגן וועמען דאַרפן די אַראַבישע מדינות אַזעלכע ריזיקע אַרסענאַלן פון טויזנטער טאַנקן, שווערע אַרטילעריע, ראַקעטן און הונדערטער קאמפּס־עראָפּלאַנען? וועמען ווילן די אַראַבער באַפרייען פון די קאָלאָניאַליסטן און אימפּעריאַליסטן? און נאָך וואָס איז נויטיק אַזאַ מאַסיווע מיליטערישע הילף מצד דעם ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע קאָמוניסטישע מדינות?

נאָך דעם ווי די דרום־אַראַבישע פעדעראַציע האָט באַקומען אומאָפּהענגיקייט זענען שוין פאַראַן 14 זעלבשטענדיקע און סוווערענע אַראַבישע מדינות. אין דער הינזיכט האָבן די אַראַבער געשלאָגן אַ וועלט־רעקאָרד און קיין שום אַנדער פאָלק קאָן זיך מיט זיי נישט פאַרגלייכן. די גרויסע צאָל מדינות גיט די אַראַבער אַן ערנסטן פּאָליטישן כּוח אין דער אונ״אָ, ווו עס דעצידירט אָפט די צאָל שטימען.

די דאָזיקע 14 מדינות דאַרף מען נישט באַפרייען מיט דער הילף פון סאָוויעטישן געווער!

וואָס שייך דער שטרעבונג צו פאַרטרייבן פון מיטעלן מזרח די אַמעריקאַנער און ענגלישע אימפּעריאַליסטן און נעאָ־קאָלאָניאַליסטן, ווייסט מען זייער גוט אין מאָסקווע, אַז נישט אַלע אַראַבישע מדינות זענען קעגן דער אַנוועזנהייט

פון די אַנגלאָ־זאַקסישע גרויסמאַכטן אין דעם ראַיאָן. עס איז באַקאַנט, אַז סאַוד־אַראַביע איז פאַראינטערעסירט אין דער אַמעריקאַנער באַזע אין דאהראַן, כדי איר צו שיצן קעגן אַן עין הרע״ מצד די אַזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערע אַראַבישע מדינות. קוווייט וויל אומבאַדינגט, אַז דער ענגלי־שער גאַרניזאָן זאָל ווייטער סטאַציאָנירן אויף איר טערי־טאָריע, ווייל זי האָט מורא פאַר דער עקספּאַנסיע פון די איראַקישע ברידער, וועלכע וואַרטן נאָר אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט, כדי איינצושלינגען די דאָזיקע נאַפט־רייכע מדינה, וואָס האָט אַ יערלעכע הכנסה פון 700 מיליאָן דאָלאַר אויף אַ באַפעלקערונג פון 500.000 נפשות. און ליביע איז פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון אַמעריקאַנישע און ענגלישע באַזעס אויף איר טעריטאָריע, כדי זי צו שיצן אין אַן עת צרה קעגן נאַצערס עקספּאַנסיע.

עס איז דעריבער לעכערלעך די טענה פון געוויסע קאָמוניסטישע קרייזן, וועלכע מיר האָבן געהערט אין די לעצטע יאָרן, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַראַבישע מדינות מיט מצרים בראש נויטיקן זיך אין גרויסע קוואַנטומס גע־ווער, כדי צו פאַרטרייבן די אימפּעריאַליסטן. דערצו זענען די אראבישע „רעוואָלוציאָנערן״ צו שוואַך. אויב נאַצערס גוט־באַוואָפנטע אַרמיי האָט זיך במשך פון 5 יאָר נישט געקענט אַן עצה געבן מיט די פּרימיטיווע מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן, וועט ער וואַגן אָנווענדן כוח קעגן אַזאַ גיגאַנט ווי די פאַראייניקטע שטאַטן?

בלייבט דעריבער נאָר איין ציל קעגן וועמען דאָס גע־ווער, וואָס איז ביז איצט צוגעשטעלט געוואָרן און ווערט ווייטער צוגעשטעלט אין ריזיקע קוואַנטומס, איז געווענ־דעט: מדינת ישראל.

עס פעלן נישט קיין באַווייזן, אַז סאָוויעטישע מיליטע־רישע מומחים האָבן געטיילט די אָפּטימיסטישע אָפּ־שאַצונגען פון מצרישע און סירישע גענעראַלן, אַז מיט דער הילף פון מאַסיווע געווער־ליפערונגען וועלן זיי זיין אימשטאַנד צו אַ פאַרמעסט מיט ישראל און אָפּווישן די דאָ־זיקע מדינה פון דער מאַפּע. פאַרברעכנס קאָן מען אויס־פירן אויף אַ דירעקטן און אומדירעקטן אופן. אַמעריקאַנער גענגסטער־פירער פירן נישט אַליין אויס מאָרד־אַקטן, נאָר שיקן זייערע שליחים. די היטלעריסטן האָבן זיך באַנוצט מיט אוקראַינישע, לעטישע, ליטווישע און אַנדערע פאַרברע־כער, כדי אומצוברענגען מיליאָנען יידן.

די געשיכטע קאָן זייער פיל פאַלן, ווען גרויסמאַכטן האָבן זיך באַנוצט מיט אַנדערע מדינות, כדי צו דערגרייכן זייערע פּאָליטישע צילן. און די לאָזונג איז געווען, אַז „דער ציל הייליקט די מיטלען".

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון א דירעק־טער אינטערווענץ בשעת דער 6־טאָגיקער מלחמה לטובת די אַראַבער נישט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט דערפירן צו דער ליקווידאַציע פון מדינת ישראל, נאָר ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן אָפענעם קאָנפליקט מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס וועט בשום אופן נישט טאָלערירט אַזאַ אינטערווענץ מצד מאָסקווע. די „רויטע טעלעפאָן־לי־ניע" צווישן דזשאָנסאָנען און קאָסיגינען איז געלאָזט גע־וואָרן אין גאַנג גלייך נאָך דעם אויסברוך פון ישראל־אַראַ־בישן קריג מיטן ציל צו פאַרמיידן אַ מיליטערישן קאָנפליקט צווישן ביידע גרויסמאַכטן. אָבער עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז אין קרעמל וואָלט מען מיט גרויס פרייד אויפגע־נומען די ידיעה, אַז מצריש מיליטער איז אַריין קיין תל־

אביב. אַלס באַווייז קאָן דינען דער פאַקט, אַז אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה, ווען פון קאַיר זענען אָנגעקומען ידי־עות וועגן גרויסע נצחונות פון מצרים, האָט זיך פעדאָרענ־קאָ גאָרנישט געאיילט צו קומען צו א הסכם וועגן א פייער־איבערייס. ער איז אָבער געוואָרן שטאַרק אַקטיוו אַ טאָג שפעטער, ווען דער אַראַבישער נצחון־בלאָף האָט געפּלאַצט.

## די אראבישע מפלה האט נאך מער פארגרע-סערט די סאוויעטישע שנאה צו ישראל

דער ביישפּיללאָזער בליץ־קריג פון ישראל און די וויסטע מפלה פון די אַראַבישע אַגרעסאָרן האָט טיף אַנ־טוישט די סאָוויעטישע פּירער. די דאָזיקע אנטוישונג און פאַרביטערונג איז געקומען צום אויסדרוק אין דער העפטי־קער ממש אַכזריותדיקער קאַמפּאַניע קעגן ישראל נישט נאָר אין אונ״אָ, נאָר אומעטום ווו מאָסקווע האָט נאָר אַן איינפלוס. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט אין דעם קאַמף מאָביליזירט די שווערסטע „קאַנאָנען" מיטן פּרעמיער אלעק־סיי קאָסיגין בראש. אין זיכערהייטס־ראָט, ווו דער ראַטנ־פאַרבאַנד האָט אַ וועטאָ־רעכט איז דאָס יורידישע געווער, וואָס דינט די פינף סטאַבילע מיטגלידער פון דער אינס־טאַנץ צאָלרייכע מאָל אָנגעווענדעט געוואָרן דורכן סאָוויעטישן פאָרשטייער. כדי נישט צו דערלאָזן צו דער טאַדלונג פון בפירושע אַראַבישע אַגרעסיע־אַקטן קעגן יש־ראל. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט ישראל נישט זוכה גע־ווען צו קיין איין גוט וואָרט אָדער אָביעקטיווער פעסט־שטעלונג פון פאַקטן מצד דעם סאָוויעטישן פאָרשטייער אין דער אונ״אָ. שטענדיק זענען געבליבן גערעכט די אַראַבער.

עס איז זייער פיינלעך פעסטצושטעלן פאַקטן, אַז יש־ראַל איז די איינציקע מדינה אין דער וועלט לגבי וועלכער דער ראַטנפאַרבאַנד ווייזט אַרויס אָפענע אומגעצוימטע שנ־אה און אַפילו פאַראַכטונג און שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום מיטלען כדי צו דיסקרעדיטירן ישראל און אירע פירער אין די אויגן פון די סאָוויעטישע פעלקער און פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט. אַפילו צום פאַר־האַסטן רעזשים פון גענעראַל פראַנקאָ האָט דער ראַטנפאַר־באַנד נישט אַרויסגעוויזן אַזויפיל האַס ווי לגבי דער יידי־שער מדינה אין די לעצטע יאָרן און ספּעציעל נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה.

עס דאַרף אויך באַטאָנט ווערן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז די איינציקע מדינה אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט נישט באַנייט די האַנדלס־באַציאונגען מיט ישראל נאָך דער סיני־אַקציע אין 1956 און זי איז די איינציקע קאָמוניס־טישע מדינה, וואָס האָט צוויי מאָל מיט אונדז איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען.

עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז מאָסקווע טראָגט די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ביישפּיללאָזער און ווילדער קאַמפּאַניע קעגן ישראל אין אַלע קאָמוניסטישע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער חוץ רומעניע, וואָס האָט אָנ־גענומען אַן אָפענעם אַנטי־סאָוויעטישן כאַראַקטער. אין באַ־צוג צו ישראל זענען קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָרגאַנען, אינס־פּירירט דורך מאָסקווע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטירמער־אויסגאַבן פון היטלער־דייטשלאַנד. און די צענדליקער קאַ־ריקאַטורן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די לעצטע חדשים אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע, האָבן זיך אַבסאָלוט נישט וואָס

צו פֿאַרשעמען אין פֿאַרגלייך מיט די קאַריקאַטורן פֿון דער געבעלס־תּקופֿה.

די שמוציקע אַנטיסעמיטישע כוואַליע, וואָס פֿאַרגיסט יאצט דאָס פּוילישע יידנטום איז אָן שום ספֿק א רעזולטאַט פֿון אַן אומגעהויערן דרוק מצד דעם קרעמל, ווייל דווקא אין דעם לאנד האָט דער קאָמוניסטישער רעזשים במשך פֿון לאנגע יאָרן ארויסגעוויזן א ליבעראלע באציאונג צום יידי־שן ישוב און זיינע קולטורעלע און רעליגיעזע באַדערפֿעניש און אויך זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו ישראל און אירע ספּעציפֿישע פּראָבלעמען.

## דער כעס צוליב די פֿארלוירענע פּאזיציעס

עס איז אמת, אַז די אומגעצוימטע אַנגריפֿן אויף ישראל מצד מאָסקווע זינט דעם 5־טן יוני זענען אַ רעזולטאַט פֿון אַ שווערער פּאָליטישער מפּלה, וואָס דער ראַטנפֿאַרבאַנד האָט געליטן אויפֿן מיטעלן מזרח צוליב דעם, וואָס די אַראַ־בישע מדינות האָבן פֿאַרשפּילט דעם קריג. די סאָוויעטישע עקספּאַנסיע־פּלענער אויפֿן מיטעלן מזרח, וואָס האָבן גע־דאַרפֿן פֿאַרווירקלעכט ווערן מיט דער הילף פֿון מצרישן טראָיאַנישן פֿערד", זענען דערווייל פֿאַרפֿרוירן אָדער בטל געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן. אין רעזולטאַט פֿון דער געענדער־טער ווירקלעכקייט אין דעם ראַיאָן. נאָכדעם ווי די מצרים זענען געווען געצוואונגען צוריקצוציען זייערע מיליטערישע כּוחות פֿון תּימן, האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע אין דרום־טייל פֿון אַראַבישן האַלב־אינדזל. קיינער קען נישט מיט דער זיכערקייט פֿעסטשטעלן, אַז דער רעפּוב־ליקאַנער רעזשים אין תּימן וועט בלייבן און צומאַרגנס

וועלן נישט צוריקקומען די מאָנאַרכיסטן. די געפאַר, וואָס האָט געדראָט סאַוד־אַראַביע מצד דער נאַצעריסטיש־סאָוויעטישער עקספּאַנסיע איז פאַריבער און אַבדול נאַצער מוז ווייטער אָנקומען צום „טאַשן־געלט" פון רעאַקציאָנערן סאַודישן קעניג פייסאַל.

אויב צו דעם זאָל מען נאָך צוגעבן דעם פאַרלוסט פון סאָוויעטישן געווער אויף הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן און די נויטווענדיקייט צוריק צו באַנייען די געווער־אַרסענאַלן פון מצרים און סיריע און אַנדערע אַראַבישע מדינות, וועלכע זענען גרייט צו באַקומען סאָוויעטיש געווער אויף זייער גינסטיקע באַדינגונגען אָדער כמעט אומזיסט, איז נישט שווער צו מאַכן דעם אויספיר, אַז ישראל איז געוואָרן אַן אומדערטרעגלעכע שטערונג פאַר דער סאָוויעטישער עקספּאַנסיע אויפן מיטעלן מזרח. און דעריבער דאַרף מען די דאָזיקע שטערונג מיט אַלע מיטלען באַזייטיקן.

עס איז ריכטיק די טענה פון די, וועלכע האַלטן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַריינגעדרונגען אויפן מיטעלן מזרח אַדאַנק דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. און ער האָט פאַרטיפט זיין אינפילטראַציע אין אייניקע אַראַבישע מדינות מיט מצרים בראש אין דער תקופה פון אומאויפהערלעכע שפּאַנונגען צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות אין די לעצטע יאָרן.

אָבער לויט מיין מיינונג האָט מאָסקווע שוין דערגרייכט דעם מאקסימום פון דער שפּאנונג צווישן ישראל און די אראבישע מדינות, וואָס איז דערגאנגען צום קולמינאציע־פונקט דעם 5־טן יוני 1967. איצט איז מאָסקווע פאַראינטערעסירט צו ליקווידירן די שטערונג אויף איר וועג צו אַ פולשטענדיקער באַהערשונג פון מיטעלן מזרח. און לויט

אַלע סימנים זענען די רוסן געקומען צום אויספיר, אַז כל זמן ישראל וועט זיין „דער אינסטרומענט פון דעם אמעריקאנער אימפעריאליזם", וועט די סאָוויעטישע עקספּאַנסיע אין דעם ראַיאָן אָנטרעפן אויף אומגעהויערע שוועריקייטן. און דעריבער דאַרף מען די אַראבישע אגרעסאָרן ווידער באַוואָפענען מיט נאָך בעסער געווער און אין נאָך גרעסערע קוואַנטומס און זיי צוגרייטן צו דער 4־טער רונדע מיט דער האָפענונג, אַז דאָס מאָל וועלן זיי האָבן אפשר מער מזל. אַן אַנדערן אויספיר איז ליידער שווער צו מאַכן פון דער איצטיקער סאָוויעטישער פּאָליטיק לגבי ישראל און די אַראַבער.

## ישראל שטערט דער צוואַנגס-אסימילאַציע פון סאָוויעטישן יידנטום

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט איצט געפייערט דעם 50־טן יובל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער פאַרן סאָוויעטישן יידנטום — נישט אַלס יחידים, נאָר אַלס לעבעדיקער טייל פון יידישן פאָלק — איז די דאָזיקע פייערלעכקייט געווען אַ טרויער. קיין שום נאַציאָנאַליטעט אין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך נישט געפונען אין אַזאַ געדריקטער, פיינלעכער שטימונג ווי די יידישע. די יידן, וועלכע האָבן אזוי פיל בייגעשטייערט צו דער באַפעסטיקונג און אַנטוויקלונג פון ראַטנפאַרבאַנד אויף אַלע געביטן, זענען די איינציקע, וועלכע מען האָט צוגענומען דאָס עלעמענטאַרסטע רעכט זיך אויסצולעבן ווי יידן און אָנהאַלטן אַן אומגעשטערטן קאָנטאַקט מיט די יידישע ישובים אין דער וועלט און ספּעציעל מיט דער יידישער מדינה.

במשך פון צענדליקער יאָרן פירט דער קאָמוניסטישער

רעזשים אין ראַטנפאַרבאַנד א קאָנסעקווענטע, אַנטשלאָסע־
נע און אַכזריותדיקע צוואַנגס־אַסימילאַציע, וואָס האָט דעם
איינציקן ציל: ליקווידירן די 3 מיליאָן יידן אַלס נאַציאָנאַ־
ליטעט. עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז די דראַקאָנישע מיטלען
פון סאָוויעטישן רעזשים וואָלטען געגעבן נאָך בעסערע
רעזולטאַטן אויף דעם געביט, ווען אין 1948 אַנטשטייט
נישט קיין יידישע מדינה. ישראל האָט דעם גערודפטן סאָ־
וויעטישן יידנטום געגעבן אַ נייעם אויסדויער־כוח און ווי־
דערשטאַנד־קראַפט און אויך האָפענונג, אַז עס וועט קומען
אַ טאָג און די לאַגע וועט זיך ראַדיקאַל ענדערן לטובה. די
אַנטוויקלונג פון ישראל און אירע קאָלאָסאַלע דערגרייכונ־
גען אויף אַלע געביטן האָבן אָנגעפולט מיט גאַווה די הער־
צער פון מיליאָנען סאָוויעטישע יידן.

און איצט איז געקומען דער פאַנטאַסטישער זיג פון
ישראל איבער די אראבישע מדינות, וואָס האָט אומגעהויער
געהויבן דעם פרעסטיזש און אָנזען פון יידן אין דער גאַנ־
צער וועלט און געצוואונגען אַפילו אַנטיסעמיטן צו רעווי־
דירן זייער מיינונג וועגן יידן אַלס קעמפער.

לויט אַלע סימנים האָט די „6־טאָגיקע מלחמה" גע־
ווירקט ווי אַן ערד־ציטערניש צווישן די 3 מיליאָנען סאָ־
וויעטישע יידן, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס צעשטערט
די פרוכטן פון דער ברוטאַלער, אויפגעצוווגענער אַסימי־
לאַציע פון לאַנגע יאָרן. און דאָס באַאומרואיקט שטאַרק די
סאָוויעטישע פירער, וועלכע זענען ביזן 5־טן יוני געווען
איבערצייגט, אַז די ליקווידאַציע פון דער יידישער נאַציאָ־
נאַליטעט אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ פראַגע פון העכסטנס
נאָך א דור. אָבער צה"ל האָט צעשטערט די קאַלקולאציע פון
די סאָוויעטישע פירער און זיי וועלן איצט מוזן שלום מאַכן

מיטן געדאַנק, אַז די גייסטיקע ליקווידאַציע פון טיילן פון יידישן פאָלק איז נישט אַזאַ פשוטער פּראָצעס. די יידישע געשיכטע קאָן זייער אַ סך פאַלן, ווען יידישע ישובים האָבן איבערגעלעבט די רעזשימען, וועלכע האָבן זיי געוואָלט ליק־ווידירן פיזיש אָדער גייסטיק.

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט איצט אַ היסטאָרישע געלעגנ־הייט צו ענדערן אויף אַ ראַדיקאַלן אופן זיין ביז איצטיקע פיינטלעכע באַציאונג צו ישראל. מאָסקווע האָט נאָך קיינ־מאָל נישט געהאַט אַזאַ שאַנס צו דעמאָנסטרירן איר גרייט־קייט צו העלפן איינשטעלן אַן אמתן שלום צווישן אונדז און די אַראַבער, וואָס זאָל גאַראַנטירן די זיכערקייט פון אַלע מדינות אין דעם ראַיאָן. ישראל איז באַשטימט גרייט צו פאַרגעסן דעם אומזיסטן האַס פון נעכטן, אויב עס איז באמת פאַראַן אַ שאַנס פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

# א האלב יאר נאך
# דער 6-טאגיקער מלחמה

## — ד״ר משה סנה —

היות ווי איך געהער צו אַ פּאָליטיש־אידעאָלאָגישן לאַ־גער, וואָס האלט נישט בדרך־כלל פון מלחמות, האלט איך פאר נויטיק אין סאמע אָנהויב צו דעפינירן דעם כאראקטער פון דער „6־טאָגיקער מלחמה", ווייל זי רופט ארויס שארפע מיינונגס־פארשידנהייטן, אויב נאָר אין ישראל, טאָ אויף דער אינטערנאציאָנאלער ארענע — פון פאריז ביז מאָסקווע און פון ניו־דעלהי ביז האוואנא.

די „6־טאָגיקע מלחמה" איז פאר ישראל געווען אַן אויסגעשפּראָכענע נאציאָנאלע פארטיידיקונגס־מלחמה. מיר זענען געשטאנען קעגן א פאן־אראבישן פראָנט, וואָס האָט אונדז אָנגעוואָרפן א יבשה־באלאגערונג און א ים־בלאָקאדע און האָט אונדז געדראָט מיט פארניכטונג — און מיר זענען אין דעם דאָזיקן געראנגל געשטאנען אליין און אים געפירט אליין, פאר זיך אליין. דאָס איז געווען איינע פון די אמ־מיינסטן גערעכטע מלחמות אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. לויט ווי גרויס עס איז געווען די גערעכטי־קייט, אזוי גרויס איז אויך געווען דער נצחון. יעדער זעל־נער אונדזערער האָט געוווסט, אז ער טראָגט אויף זיינע

אקסלען די לעצטע האָפענונג פון זיין פאָלק. און פון די גבורה־מעשים פון פיל יחידים האָט זיך אויסגעוועבט די גבורה־עפּאָפּייע פון צה״ל, פון גאַנצן ישראל־פאָלק.

דער זיג האָט אונדז געראַטעוועט פון א געפאַר, אָבער ער האָט נישט מבטל געמאַכט די סכנות בכלל. די סכנה, וועלכע דראָט אונדז איצט, איז אז עס זאָל קומען אויף אונדז א נייע מלחמה, וואָס וועט זיין פאַרשידן פון דער פריערדיקער, זי וועט זיין פיל שווערער און לענגער פון דער פריערדיקער, און עס וועלן אין איר זיין פאַרמישט גלאָבאַלע כוחות, אפשר באַלד פון אָנהויב — און די אינטערווענץ פון די גלאָבאַלע כוחות לטובת דעם אַראַבישן צד וועט זיין באַדייטונגספולער ווי לטובת דעם ישראל־צד. א סכנה איז שטענדיק אין דער ראַם פון מעגלעכקייט און נישט פון זיכערקייט, און ווי ווייט מען קאָן דאַרף מען אַלץ טאָן, כדי די סכנה צו באַזייטיקן. פון דעם פליסן רוי סל,ויט מיין מיינונג, דריי ערשטראַנגיקע באַדינגונגען פאַר דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון ישראל — א חוץ דער פאַרטיידיקונגס־גרייטקייט, פאַרשטענדלעך — און דאָס זענען:

1. מיר פון אונדזער זייט דאַרפן טאָן אַלץ, כדי צו פאַרמיידן דעם אויסברוך פון א נייעם באַוואָפנטן קאָנפליקט.

2. מיר דאַרפן טאָן אַלץ, כדי צו פאַרמיידן די פאַרבינדונג פון ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט מיט דעם גלאָבאַלן קאָנפליקט צווישן דעם מערב און מזרח.

3. מיר דאַרפן טאָן אַלץ, כדי צו ליקווידירן דעם קאָנפליקט מיט פּאָליטישע מיטלען אויפן וועג פון פאַרהאַנדלונגען און קעגנזייטיקן הסכם.

דער ערשטער געבאָט איז אונדז מחייב זאָרגפעליק אָפּצוהיטן די אָפּמאַכן פון פייער־איבערייס. די דאָזיקע אָפּמאַכן

זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון נצחון פון צה״ל און מיר קאָנען נישט האָבן קיין שום אינטערעס אונ־טערמינירן די אָפּמאכן פון פייער־איבערייס און נישט רעס־פעקטירן די ליניעס פון פייער־איבערייס. אויך ווען מיר ענטפערן אויפן פייער, וואָס ווערט אויף אונדז געעפנט — דארף מען זאָרגן, אז דאָס פייער זאָל זיך נישט צעפלאַ־קערן. אויך ביים ליקווידירן די טעראָר־נעסטן דארף מען האנדלען אזוי, אז די אראבישע באפעלקערונג זאָל זיך נישט אידענטיפיצירן מיט די טעראָריסטן, נאָר זאָל זיי אי־זאָלירן, ד. ה., אז מען דארף זיך אָפּהאלטן פון קאָלעקטיווע שטראָפן און פון קריוודן אומשולדיקע אראבער.

## ישראל-אראבישער קאנפליקט — איינער פון פיל נאציאנאלע קאנפליקטן אין דער וועלט

מיר האָבן באטראכט און באטראכטן דעם ישראל־אראַ־בישן סכסוך אלס איינעם פון די צאָלרייכע נאציאָנאלע קאָנ־פליקטן אין דער וועלט, וועלכן מען דארף לייזן לויטן פרינ־ציפּ פון קאָעקזיסטענץ אין שלום, ווי דעם סכסוך צווישן אינדיע און פאקיסטאן וועגן קאשמיר, אָדער דעם טערקיש־גריכישן קאָנפליקט צוליב ציפּערן.

קעגן אָט דער שטעלונג פּראָבירט די נאציאָנאלע אראַ־בישע באוועגונג פאָרצושטעלן דעם סכסוך מיט ישראל אלס א טייל פונעם קאמף קעגן דער אימפעריאליסטישער רעאק־ציע, וואָס ווערט כלומרשט רעפּרעזענטירט דורך ישראל, — „איר שאפונג״, בשעת די אראבישע מדינות רעפּרעזענ־טירן כלומרשט דעם פּראָגרעס, אנטי־אימפעריאליזם און אפי־לו סאָציאליזם.

קעגן דער דאָזיקער פאַלשער ווערסיע איז שאַרף אַרויס־געטראָטן די ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז סוף כל סוף וועט די דאָזיקע ווערסיע פירן צו אַ פאַרניכטונגס־מלחמה קעגן ישראל, און ווער עס איז נישט געווען גרייט מיט אונדז זיך צו באַטייליקן אין דעם דאָזיקן נישט־לייכטן קאַמף, האָט זיך פון אונדז אָפּ־געשפּאָלטן.

טראָץ די שווערע לאַנגדויערנדיקע איבערצייגונגס־באַמיאונגען, וואָס האָבן געהאַט עליות און ירידות, האָבן מיר נישט מצליח געווען איבערצייגן די סאָוויעטישע אָנפירער־שאַפט, אַז אונדזער אויפפאַסונג איז אַ ריכטיקע און אַנט־שפּרעכט אַמבעסטן אויך דעם ראַטנפאַרבאַנד. צווישן די סיבות, וואָס האָבן געפירט די סאָוויעטישע פּאָליטיק אין אַ ריכטונג, וואָס שטייט אין אַ קאָנטראַסט צו אונדזער שטע־לונג, איז וואַרשיינלעך אויך געווען די אַמעריקאַנישע אָפּענ־סיווע צו דעראָבערן „די דריטע וועלט״ און דער חשש, אַז עס וועט מצליח זיין אויך דער אַמעריקאַנער פּלאַן אויפצו־שטעלן דעם „איסלאַמישן פּאַקט״; אין דער זעלבער צייט איז אויך געווען די מורא פאַר דער אויסשפּרייטונג פון דער כינעזישער השפּעה אין די אַראַבישע לענדער, נאָכדעם ווי פּעקין האָט זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיטן אַנטי־ישראלדיקן אַראַבישן שאָוויניזם — און ווי באַקאַנט באַ־נוצט זיך אָפט די קאָנקורענץ מיט דער טאַקטיק פון צו־פּאַסונג און נאָכמאַכונג.

בשעת דעם אויסברוך פון קריג און אויך אַ לאַנגע צייט פאַר דער מלחמה, האָבן מיר געפאָדערט, אַז דער ראַטנפאַר־באַנד זאָל זיך נישט שטעלן אויף דער זייט פון קיין שום צד, נאָר זאָל זיין פאַר אַ משא ומתן און שלום־הסכם צווישן

ישראל און די אַראַבער. עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז פון פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט איז די גערעכטיקייט מיט אונדז, און די פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד דאַרף מען באַטראַכטן — אין אונטערשיד פון דער פראַנצויזישער פּאָליטיק, אָדער פון יעדער אַנדערער קאַפּיטאַליסטישער גרויסמאַכט, וואָס ווערט באַטראַכט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון פאַריבערגייענדיקע אינטערעסן — לויט די פּרינציפּן, וואָס פאַרפליכטן א סאָציאַליסטישע גרויסמאַכט. אָבער לויט מיין מיינונג אפילו פון אינטערעסן־שטאַנדפּונקט פון ראַטנפאַרבאַנד האָט די איינזייטיקע פאַלשע פּראָ־אַראַבישע און אַנטי־ישראלדיקע ליניע פאַראורזאַכט דער דאָזיקער גרויסמאַכט נישט ווייניק אַנטוישונגען און דורכפאַלן. די כוחות־פאַרהעלטעניש איז נאָך זייער ווייט פון אַן ענדלעכער געשטאַלטונג און סטאַביליזאַציע, אָבער שוין אין איצטיקן מאָמענט קאָן מען מאַכן אייניקע אויספירונגען:

1. דער פּאַן־אַראַבישער פראָנט האָט נישט באַזיגט ישראל אויפן מיליטערישן שלאַכט־פעלד, נאָר פאַרקערט. ער האָט אויך נישט באַזיגט ישראל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער ארענע; ער האָט נישט געזיגט און וועט נישט זיגן.

2. די שנאה צו ישראל איז נישט קיין צעמענט, וואָס קען אויף א לאַנגער מעטע אויפהאַלטן די אַראַבישע איינהייט; דער אַראַבישער לאַגער איז צעטיילט, געשפּאָלטן און צעשפּליטערט אין דער ישראל־פראַגע — פון טוניסיע, וואָס פאָדערט פאַרהאַנדלונגען מיט ישראל, פון איין זייט, ביז אַלזשיריע און סיריע, וועלכע פאָדערן א באַלדיקע מלחמה, פון דער צווייטער זייט, און אין דער מיט געפינען זיך מצ־

רים און ירדן, וועלכע זוכן א צייטווייליקן אויסוועג און דאָס אָפּלייגן די מלחמה.

3. אין דער אנטי־ישראלדיקער פּלאטפאָרם איז נישטאָ קיין שום גאראנטיע, אז זי וועט דינען אַלס צוגרייטונג אָדער אָנהויב פאר אן אנטי־אימפעריאליסטישער פּראָ־סאָוויעטישער פּלאטפאָרם פון דער אראבישער מחנה; אין כארטום איז בטל געוואָרן דער חרם צו פארקויפן נאפט די מערב־גרויסמאכטן; מצרים האָט באנייט אירע דיפּלאָמאַטישע באציאונגען מיט גרויס־בריטאניע, זי האָט צוריקגעצויגן אירע כוחות פון תימן און זי זוכט אַ וועג צו וואשינגטאָן; סיריע און אלזשיריע פארנעמען א „כינעזישע אָפּאָזיציע" צו דער שטעלונג פון ראטנפארבאנד; דעם פראנצויזישן אימפעריאליזם זענען געעפנט געוואָרן אלע טויערן פאר עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און מיליטערישער (וואָפן) אריינדרינגונג.

ווו איז דאָ דער סאָוויעטישער אינטערעס? אַ מיליטערישער כוח — זײַן אָנוועזנהייט איז נאָך נישט אַלץ. זײַן באַדייטונג ווערט ענדגילטיק געמאָסטן לויט דעם ווי ער ווערט באַנוצט. איך האַלט נישט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז גרייט צו אַ דירעקטן צוזאַמענשטויס מיט די פאַראייניקטע שטאַטן צוליב דעם ישראל־אַראַבישן סכסוך, און אויב דער סאָוויעטישער כוח געפינט זיך דאָ נאָר לשם דעמאָנסטראַציע און נישט לשם אַקציע, וועט דאָס נאָך מער פאַרגרעסערן די אַנטוישונג פון די אַראַבער.

מיר געפינען זיך אין א קאמף מיט דער איצטיקער פּאָליטישער ליניע פון דער סאָוויעטישער אָנפירערשאפט, אָבער מיר זענען נישט פאראייניזאמט אין דעם דאָזיקן געראנגל. עס דאַרף באטאָנט ווערן, אַז רומעניע און קובאַ האָבן נישט

**איבערגעריסן די באַציאונגען מיט ישראל, ווי מאָסקווע. אין אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט געפינען זיך נישט ווייניקער אָנהענגער פון דער שטעלונג, וואָס עס האָט אָנגענומען מק״י. און מען דאַרף נישט זיין רעזיגנירט אין באַצוג צו דער צוקונפט. אונדזער קאַמף איז דאָך פאַר־בונדן מיטן אַלגעמיינעם געראַנגל פאַר דעמאָקראַטיזאַציע און פרידלעכער קאָעקזיסטענץ אַלס גענעראַלע ליניע פון דער קאָמוניסטישער וועלט־באַוועגונג.**

די ישראלדיקע פּאָליטיק דאַרף אויף אַ לאַנגער מעטע נעמען אין באַטראַכט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַ וועלט־מאַכט, וואָס קיין שום מדינה אין דער וועלט און אויפן מי־טעלן מזרח קען זי נישט איגנאָרירן.

און די סאָוויעטישע פּאָליטיק וועט אויף א ווייטער מע־טע נישט קאָנען מאַכן איר חשבון אויפן מיטעלן מזרח אָן דעם אַממיינסטן אַנטוויקלטן, שטאַרקסטן און דינאַמישסטן פאַקטאָר אין דעם ראַיאָן: מדינת ישראל.

די דאָזיקע אָביעקטיווע אָפּשאַצונגען דינען אַלס יסוד פאַר מיין מיינונג, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן באַנייט ווערן די קעגנזייטיקע פריינטשאַפטס־באַציאונגען צווישן ישראל און דעם ראַטנפאַרבאַנד. דעריבער דאַרף מען אין דער היץ פונעם קאַמף היינט נישט פאַרגעסן די אויסזיכטן פון מאָרגן.

**די טעג האָט מיך אַ פאָרשטייער פון א פראַנצויזישער צייטונג געפרעגט, צי אלס רעאַקציע אויף דער אַנטי־ישראל־דיקער און אַנטי־יידישער רעדע פון פּרעזידענט דע גאָל, דאַרף ישראל איבעררייסן די באַציאונגען מיט פראַנקרייך. טראָץ דעם פאַרדרוס, וואָס די רעדע האָט ארויסגערופן, האָב איך געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין". אויך דאָ איז**

נויטיק א צוגאנג מיט א ווייטן בליק. נישט איבערייסן, נאָר אָנקניפּן און אויסברייטערן באציאונגען דארף זיך באמיען די ישראלדיקע פּאָליטיק.

אין אלגעמיין איז זייער געפערלעך פאַר אַ קליין פּאָלק צו זיין אָפּהענגיק פון חסד פון איין גרויסמאכט. און איך וויל צוגעבן און אונטערשטרייכן: זיין אָפּהענגיק פון איין בלאָק איז אויך אַ מצב פול מיט געפארן. די פיינטלעכע ווענדונג אין דער שטעלונג פון פרעזידענט דע גאָל לגבי ישראל דארף פאר אונדז אויך זיין אַ וואָרענונג נישט צו שטעלן אַלץ — נאָר אויף פרעזידענט דזשאָנסאָן...

## „נישט קיין צווייט וויעטנאם״!

איך קען נישט מסכים זיין מיט די, וועלכע האַלטן, אז מיט דער „6־טאָגיקער מלחמה״ און מיט אונדזער נצחון האָבן מיר געטאָן א גרויסע טובה די פאראייניקטע שטאטן. דער אמת איז, אַז מיר האָבן נישט נאָר געקעמפט אַליין, נאָר געקעמפט פאַר זיך אַליין און נאָר פאַר זיך אַליין. דאָס פאַרבינדן אונדזער סכסוך מיטן גלאָבאלן קאָנפליקט איז די אממיינסטן פיינטלעכע אינטריגע לגבי אונדז מצד דעם אראַבישן נאציאָנאליזם און מיר טאָרן זיך נישט לאָזן פאַרפירן דורך דעם געפערלעכן געדאנקען־גאנג.

ירושלים איז נישט סייגאָן און קאיר איז נישט האנאָי. זאָל דאָ נישט זיין קיין צווייט וויעטנאם! אויך צוליב דעם, ווייל דאָס פאסט אונדז נישט, און אויך צוליב דעם, ווייל דאָס לוינט זיך אונדז נישט. דאָס איז דער צווייטער געבאָט.

## וואס הייסט צוריקציען זיך אן באדינגונגען?

דער דריטער געבאָט איז צו שטארקן די אויפזיכט אויף

שלום. ווי אזוי? בשום אופן נישט דורך אַ באַדינגונגסלאָזן צוריקטריט. מיר זענען געשטאַנען פאַר אזא פאָדערונג, מיר האָבן זי, פאַרשטענדלעך, נישט אָנגענומען און **אפילו די אר־**ב״אָ האָט זי נישט אָנגענומען. אדרבא. דער זיכערהייטס־ראַט האָט אין זיין באַשלוס פאַרבונדן דאָס פּראָבלעם פון צוריקציען די צה״ל־כּוחות מיט אַ ריי קלאָרע און וויכטיקע באַדינגונגען, אָבער אויך דער דאָזיקער באַשלוס פאַרזיכערט אונדז נישט קעגן דער דאָזיקער פאָדערונג אפשר מיט אַ לייכטער פאָרמולירונגס־ענדערונג: אָנשטאָט „אַ באַדינג־גונגסלאָזן צוריקטריט״, זאָגט מען שוין דעם אוג״אָ־שליח, גונאר יארינג: פאָדער פון ישראל „צוריקציען זיך אלס פאַר־באַדינג״, קודם־כּל צוריקציען די צה״ל־כּוחות און דאַן וועט מען רעדן וועגן אַנדערע פּונקטן.

מיר זענען שוין אַמאָל געשטאַנען אויף די ליניעס פון פאַר דעם 5־טן יוני 1967... מיר זענען שוין אויסגעשטאַנען בלאָקאַדעס, טעראָר, פאַרניכטונגס־דראָאונגען און געשטא־נען אויף דער שוועל פון קריג. צו פאָדערן פון אונדז, מיר זאָלן זיך צוריקציען צו אַ נייער מלחמה־געפאַר, הייסט פאָ־דערן פון אונדז זעלבסטמאָרד.

מיר טאָרן נישט אָננעמען די פאָדערונג וועגן צוריק־ציען אונדזערע כּוחות אַלס פאָר־באַדינג, ווייל מיר ווייסן די באַדייטונג פון דער דאָזיקער פאָדערונג און ווייל מיר פאַרשטייען איר כּוונה. וואָס איז אייגנטלעך די אַנטי־ישר־אלדיקע סטראַטעגיע, וועלכע מיר וועלן צוליב באַקוועמלעכ־קייט אָנרופן — כאַרטום־פּלאַן?

דער דאָזיקער פּלאַן באַשטייט פון דריי פּונקטן — דריי פאַזן. קודם־כּל באַוועגן ישראל מיט דער הילף פון אַ שטאַר־קן פּאָליטישן דרוק און פון פּאָליטישע לאָקונגען צוריקצוצי־

ען זיך פון אלע שטחים, וועלכע זענען דעראָבערט געוואָרן אין דער פארטיידיקונגס־מלחמה. אָבער קיין אָנערקענונג פון ישראל, קיין משא־ומתן מיט ישראל, קיין שלום מיט ישראל, און קיין לייזונג פון דער פאלעסטינער פראגע. איבּ־צווישנצייט פארענדיקן די מיליטערישע צוגרייטונגען צו אַ גרויסער מלחמה קעגן ישראל. און ווען עס וועט קומען דער טאָג, וועט מען שטעלן ישראל פאַר אַן אולטימאטיווער ברירה: אָדער ישראל זאָל זיך צוריקציען צו די גרענעצן פון 1947, ד. ה., צו א שטח פון 14 טויזנט קוואַדראַט־קילאָ־מעטער מיט 55 פראָצענט און 45 פראָצענט אַראַבער, אַ מדי־נה אָן עקזיסטענץ־פעאיקייטן, אָן פארטיידיקונגס־מעגלעכ־קייטן, אָן עליה־ און אויפנעם־מעגלעכקייטן, אָן א כאראק־טער פון א יידישער מדינה — אָדער אן אגרעסיע־מלחמה צו ליקווידירן ישראל.

דאָס איז דער פלאן. דעם דאָזיקן פלאן האָט אנטפלעקט אין איינעם פון זיינע ארטיקלען דער רעדאקטאָר פון דער קאירער צייטונג „אל אהראם" כאסניין הייקאל (און איך וויל נישט ביי דער געלעגנהייט אנטפלעקן, ווער עס האָט נאָך אנטפלעקט דעם דאָזיקן פלאן): אָדער א ישראלדיקע ענקלאווע, וואָס זאָל זיך „צעלאָזן" אין דעם ארומיקן אראַ־בישן אָקעאן — אָדער „אויסוואָרצלען מיט כוח דעם פרעמ־דן קערפער" פון דער אראבישער סביבה, און היות ווי מיר קענען די לעצטע שורה פון דעם פלאן, קומט נישט אין באטראכט, אז מיר זאָלן אָננעמען די ערשטע שורה. דאָס צו־ריקציען זיך פון די פארנומענע שטחים אָן אן אלגעמיי־נעם הסכם וועט נישט ברענגען דעם שלום, נאָר וועט פירן צו א נייעם קריג.

## וואס באדייט דער אנשלוס פון פארנומענע געביטן?

כדי צו שטארקן די שאנסן פון שלום, בין איך אויך קעגן דער לאָזונג פון טעריטאָריאלע אָנשלוסן (אנעקסיעס, סיפוחים). מען דארף געדענקען דעם אונטערשיד צווישן אַ צייטווייליקער מיליטערישער אָקופאציע אלס רעזולטאט פון א פארטיידיקונגס־מלחמה ביז צום מאָמענט פון אַ פּאָליטי־שער רעגולירונג פון קאָנפליקט, אלס אומפארמיידלעכע נויטווענדיקייט — און אַ פּאָליטישן אָנשלוס פון טעריטאָ־ריעס, וואָס איז אן איינזייטיקער ווילקירלעכער אקט פון איינגלידערן א שטח אָנשטאָט צו געפינען אַ געזעצלעכע לייזונג און א הסכם מיט דעם צווייטן צד.

אָנשלוס פון די אָקופּירטע געביטן הייסט אַ זיכערע הגם אַן אָפּגעלייגטע מלחמה ביז אַ פּאסיקער געלעגנהייט, אַ רע־וואַנזש־מלחמה, אַ מלחמה, וואָס וועט פאַרקומען אין אַן אינטערנאציאָנאלער אטמאָספער, וואָס וועט זיין צו אונדזער רעה.

דער אָנשלוס פון שטחים באַדייט אויך אָנשלוס פון באַפעלקערונג, און אַ באַפעלקערונג האָט נישט ליב, אַז מען שליסט זי אָן; דאָס הייסט אַ רעזשים פון אונטערדריקונג קעגן דער באפעלקערונג פון די אָנגעשלאָסענע שטחים. מען דארף געדענקען נאָך אן אונטערשייד: כל זמן עס איז נישטאָ קיין ענדגילטיקער טעריטאָריאלער אָנשלוס נאָר א רעזשים פון צייטווייליקער אָקופּאציע, איז יעדער טעראָריס־טישער אקט א פארלעצונג פון פייער־איבערייס, אן אקט, וואָס צינדט אָן א מלחמה־פייער, אן אקט, וועלכער פאַר־קלענערט די שאנסן פון אנטשפאנונג און פון שלום; אָבער

גאנץ אנדערש איז די לאגע נאָך דעם ענדגילטיקן אָנשלוס פון טעריטאָריעס, ווייל דאן וועט דער זעלבער טעראָר באַטראכט אלס אקט פון נאציאָנאלן ווידערשטאנד קעגן אַ פרעמדער מאכט, וואָס האָט זיך מיט כוח אָנגעוואָרפן דער באַפעלקערונג.

און נאָך אן אונטערשיד דאַרף מען געדענקען. אַ מינדערהייט פון 10—12 פראָצענט איז נישט דאָס זעלבע, וואָס אַ מינדערהייט פון 40 פראָצענט. אמת, אריטמעטיש איז דאָס אויך א מינדערהייט, אָבער פּאָליטיש איז דאָס א צווייטע נאַציע און נישט קיין נאציאָנאלע מינדערהייט. מיר יידן זענען ביים סוף פונעם צווייטן וועלט־קריג געווען 33 פראָצענט פון דער ארץ־ישראל באַפעלקערונג. צי האָבן מיר דאן מסכים געווען צו דעם סטאטוס פון א נאציאָנאלער מינדערהייט מיט גלייכע רעכט אין אן אראבישער פּאַלעסטינע־מדינה? און ווי אַזוי קענען מיר דערווארטן פון א צווייט פאָלק, אז עס זאָל מסכים זיין צו א מצב צו וועלכן מיר האָבן נישט געוואָלט מסכים זיין?!

אין דער לעצטער צייט האָבן מיר ווידער געהאט א געלעגנהייט צו לערנען פון די געשעענישן אין שכנותדיקן אינדזל ציפּערן, ווי אזוי די טערקישע מינדערהייט פון 18 פראָצענט איז נישט מסכים מיטן סטאטוס פון א נאציאָנאַלער מינדערהייט, נאָר פאָדערט די רעכט פון אַ נאַציע, פונקט ווי די גריכן, וועלכע בילדן העכער 80 פראָצענט, און ווי אזוי די דאָזיקע אינטערעסן־קעגנזאצן האָבן שוין דערפירט און קענען נאָך דערפירן צו בלוט־פארגיסונגען. צי קען מען פון 40 פראָצענט אראבער אין אַ יידישער מדינה פאָדערן דאָס, וואָס עס ווארפן אָפּ מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט און

ריקזיכטלאָזיקייט די טערקן פון ציפּערן, וועלכע בילדן קוים 18 פּראָצענט?

איך האָב שוין געזאָג טפּריער: זאָל דאָ נישט זיין קיין צווייט וויעטנאַם! איך וויל צוגעבן און זאָגן, זאָל דאָ נישט זיין קיין צווייט ציפּערן!

נאָך עפּעס. טעריטאָריאַלע אָנשלוסן וועלן דעפאָרמירן אונדזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. מיר ווערן באַטראַכט אַלס פאָלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען לתחייה אין זיין אַלט פאָטערלאַנד, אַלס פאָלק, וואָס קומט צוריק פון דורות־וואַנדערונגען אין זיין היסטאָריש היימלאַנד. די טעריטאָריאַלע אָנשלוסן וועלן אונדז פאַרוואַנדלען אין א פאָלק, וואָס אונטערדריקט אַ צווייט פאָלק, אָדער אין א שבט פון „כנענים״, וואָס שפּרייט זיך פונאַנדער ביז בטל־בששים און אויסגעמישט צו ווערן צווישן די פעלקער פון לעוואַנט. אָבער מיר זענען דאָך אַהערגעקומען נישט צו הערשן איבער אַנדערע און אויך נישט באַהערשט ווערן דורך אַנדערע, נישט צו אַסימילירן עמעצן און אויך אַליין נישט אַסימילירט צו ווערן, נאָר צו לעבן אין גוטער שכנות מיט דער אַראַבישער סביבה, ווי גלייכע מיט גלייכע, ווי פאַרשידענע מיט פאַרשידענע. עס קאָן זיין, אַז דאָס וועט באַטראַכט ווערן אַלס בטל־נישער אַרגומענט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דאָס וועט האָבן פאַר אונדז א גרויסע פּאָליטישע, היסטאָרישע באַדייטונג פאַר אונדז, און אפילו פאַר אונדזער זיכערקייט, וואָס פאַר א פאָלק מיר וועלן דאָ זיין.

אויך די עליה איז נישט קיין מיטל, וואָס זאָל באַלאַנסירן די נעגאַטיווע זייט פון טעריטאָריאַלע אָנשלוסן, ווי עס מאַכן זיך אילוזיעס די פאַרעדיקער פון אַנעקסיעס. איך זאָג דאָס אויסער אַלע אידעאָלאָגישע אונטערשיידן, אַז א

גרויסע עליה וועט זיין מעגלעך, אויב עס וועט זיין שלום. אין דער צייט פון א סכנה, כדי צו פארטיידיקן, קומען אהער טויזנטער, אָבער כדי צו לעבן דאָ וועלן קומען צענדליקער און הונדערטער טויזנטער, ווען עס וועט הערשן דאָ שלום, און מען וועט בויען און אנטוויקלען דאָס לאנד. דאָס איז חל נישט נאָר אויפן מערב. אויב עס איז דאָ א שאנס פאר עליה פון מזרח, איז נאָר דאן, ווען עס וועט הערשן דאָ שלום. די מלחמה האָט אפילו איבערגעריסן דעם דינעם שטראָם פון דער עליה אין די ראַמען פון „איחוד המשפחות" פון ראטנפארבאנד. אָבער צו באפעסטיקן טעריטאָריאלע אָנ־שלוסן זענען נישטאָ קיין קאנדידאטן פאר א מאסן־עליה.

בקיצור, די פּאָליטיק פון טעריטאָריאלע אָנשלוסן איז אַ שלעכטע און געפערלעכע פּאָליטיק סיי צוליב אויסערן־פּאָליטישע און סיי צוליב אינערלעכע טעמים.

## נאָר צוויי פּארטייען

איך האָב געלייענט, וואָס בן גוריון האָט געזאָגט אויף אַ פאַרזאַמלונג אין באר־שבע. ער האָט געזאָגט, אז איצט זענען דאָ אין ישראל נאָר צוויי פארטייען, נאטירלעך, נישט אין פאָרמעלן זין: א פארטיי פאר דער גאנצקייט פון לאנד און א פארטיי פאר שלום. און ער האָט צוגעגעבן: „און איך געהער צו ביידע". צום ערשטן טייל פון בן גוריונס ווערטער בין איך מסכים. די יסודותדיקע ליניע, וואָס טיילט איצט די ישראל־געזעלשאפט איז: וואָס איז וויכטיקער — טעריטאָריע, אָדער שלום? אך בין אָבער נישט מסכים, אז מען קאָן געהערן צו ביידע פארטייען. די פראגע איז נישט ענלעך צו דער פראגע אויף וועלכער עס ענטפערט א קינד,

אז עס האָט ליבער סיי די מוטער און סיי דעם פּאַטער. די פראַגע איז נישט, וואָס מען האָט בעסער ליב: די מערת המכפלה, אָדער דעם שלום? די פראַגע איז א פּאָליטישע, ווייל מען דאַרף אויסוויילן און דעצידירן וואָס עס איז וויכטיקער. דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווי מיר שטייען פאַר אַזא פּראָבלעם. פון 1937 ביז 1947 זענען מיר געשטאַנען פאַר דער פראַגע, וואָס איז וויכטיקער — טע־ריטאָריע אָדער זעלבשטענדיקייט, די גאַנצקייט פון לאַנד אָדער א מדינה תיכף? מיט 20 יאָר צוריק איז אין דער אונ״אָ געפאַלן די אַנטשיידונג: א מדינה, זעלבשטענדי־קייט אָבער נישט אינעם גאַנצן לאַנד; און עס איז נישט געווען קיין איין מענטש אין ישראל, וואָס זאָל זיך דעם אַנטקעגנשטעלן, ווייל דאָס פאָלק האָט געוווּסט, אַז דאָס וויכטיקסטע איז צו דערגרייכן נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. און איצט דער היסטאָרישער, נאַציאָ־נאַלער ציל, וואָס דאַרף באַשטימען אַלע סטראַטעגישע באַ־טראַכטונגען און פּאָליטישע און מיליטערישע טאַקטיק — איז צו פאַרענדיקן די פיינטלעכע באַציאונגען מיט די אַראַ־בער און דערגרייכן א שלום.

מען וועט מיר זאָגן: דאָס איז זייער שיין, אָבער נישט רעאַליסטיש. זיכער. דער ציל איז קיינמאָל נישט קיין פאַ־ראַנענע ווירקלעכקייט. דער ציל איז שטענדיק דערוווייטערט פון דער ווירקלעכקייט. אַ ציל איז אַן עלעמענט פון א נייער ווירקלעכקייט, וועלכע מען וויל דערגרייכן, וועו מען גע־פינט זיך אין א ווירקלעכקייט, וואָס אַנטהאַלט אים נישט. ווען עס וואָלט אַזוי נישט געווען, וואָלט דאָס בכלל נישט געווען קיין באַשטרעבטער ציל, נאָר א פאַראַנענער צו־שטאַנד. דער נאַציאָנאַלער ציל פון יידישן פאָלק איז צו

דערגרייכן א שלום מיט די אראבער. און אויב עס וועט זיך שאפן א מעגלעכקייט פון שלום, וואָס וועט פעסטשטעלן סטאבילע, פאראייינבארטע אָנערקענטע און זיכערע גרע־נעצן און דאָס וועט מחייב זיין אריבערצוגיין פון די איצ־טיקע ליניעס פון פייער־איבערייס צו גרענעצן פון שלום, וועט דאָס נישט זיין קיין צוריקגאנג, נאָר א מארש פאָרויס. דאָס וועט זיין א נייער נצחון פארן פאָלק ישראל.

דאָס הייסט אָבער נישט קיין גלייכגילטיקייט לגבי דער פראגע פון שטחים, מיר זאָגן: פאראייינבארטע און זיכערע גרענעצן, פאראייינבארט מיט אונדז און זיכער לויט אונדזער אויפפאסונג.

## נויטיק אן אקטיווער שלום-איניציאטיוו

עס קאָן ווער זאָגן: אָבער די אראבישע מדינות זענען דאָך נישט מסכים צו א הסכם און אָן א הסכם ביסטו דאָך אויך קעגן צוריקטריט. דער רעזולטאט וועט, אלזאָ, זיין א לאנגע אָנוועזנהייט פון ישראל־כוחות אויף די אראבישע שטחים — וואָס פאר אן אונטערשיד וועט זיין צווישן דעם און דעם פאקטישן אָנשלוס פון די שטחים? איך וויל אויפ־קלערן, אין וואָס עס באשטייט דער אונטערשיד. דער אונ־טערשיד באשטייט אין דעם, צי מען האלט די שטחים און מען טוט גאָרנישט פארן שלום, אָדער מען האלט די טע־ריטאָריעס און מען נעמט אָן שריט צו דערגרייכן דעם שלום.

איך וואַג צו זאָגן, אז אין דער אראבישער מויער פון ווידערשטאנד צו שלום־געשפרעכן מיט ישראל, איז דאָ א פונקט, אין וועלכן מיר קענען די מויער דורכרייסן. דאָס איז

דער מיליאָן אראבער, וועלכער געפינט זיך אין דער גדה המערבית און אין עזה־געביט. דער דאָזיקער מיליאָן אראַבער האָט נישט קיין רעגירונג און האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין אויסגעוויילטע דעמאָקראַטישע פאָרשטייערשאַפט. די, וועלכע האָבן גערעדט און געהאַנדלט אין זייער נאָמען, האָבן גערעדט און געהאַנדלט אין זייער נאָמען, האָבן זיי אַלע מאָל פאַראַטן און געבראַכט אויף זיי איין אומגליק נאָך דעם אַנדערן. די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די מלחמה דעם 14־טן מאַי 1948 און זעקס שפּעטער נאָך דער מפּלה געקומען קיין ראָדאָס אונטערצושרייבן די וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן, האָבן אַלץ געדענקט, נאָר דאָס פּאַלעסטינע־פאָלק האָבן זיי פאַרגעסן און זיין נאָמען נישט דערמאָנט. און דאָס דאָזיקע פאָלק געדענקט גוט די דערפאַרונגען פון די לעצטע 20 יאָר. די פראַגע באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך צו זיי ווענדן. לאָמיר זיך ווענדן צו זיי נישט ווי אייגער, וועלכער קומט אָקופּירן, הערשן, אונטערדריקן און זיי אָנשליסן, אָדער געבן זיי נאָר בירגערלעכע רעכט פון א יחיד. זיי האָבן דאָך א נאַציאָנאַל באַוווּסטזיין. זיי אונטערשיידן זיך פון דער יידישער ישראל־באַפעלקערונג, ווייל זיי זענען אַראַבער, און זיי אונטערשיידן זיך אויך פון אַנדערע אַראַבישע פעלקער מיט זייער באַזונדערן גורל, און דעריבער זענען זיי אַן אַראַביש פּאַלעסטינע־פאָלק. ווי עס זאָל נישט זיין קענען מיר נישט באַשליסן, אַז זיי האָבן נישט קיין נאַציאָנאַל באַוווּסטזיין, פּונקט ווי קיינער קען נישט באַשליסן וועגן דעם, צי מיר האָבן א נאַציאָנאַל באַוווּסטזיין, צי נישט. מיר דאַרפן זיך ווענדן צו זיי און זאָגן פּראָסט און פּשוט: ווייל איר אויס און שאַפט אייך, ווי אַזוי איר ווילט אייער פאָרשטייערשאַפט, וואָס זאָל זיין גרייט אָנצוהויבן פאַר־

האנדלונגען מיט דער ישראל־רעגירונג און קומען צו א פאראייגבארטן הסכם אין אלע שטרייט־פראגן. — גרענעצן, פליטים, ווירטשאפטלעכע באציאונגען, פארטיידיקונגס־באציאונגען. אויף דעם וועג זעגען מיר נישט אָפּהענגיק פון קיין שום גרויסמאכטן און מיר נויטיקן זיך נישט אין קיין שום הסכמה פון וועלכער עס זאָל נישט זיין אראבישער מדינה. די אראבישע באפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן איז צו דעם געגויגט, עס איז דאָ ביי זיי אזא טענדענץ, מען קען זי אונטערדריקן און מען קען זי דערמוטיקן. לויט מיין מיינונג דארף מען זי דערמוטיקן.

א שלום מיט א מיליאָן אראבער — איך ווייס, אז דאָס איז נאָך נישט אלץ — דאָס וועט אָבער זיין א וויכטיקע ישראלדיקע שלום־איניציאטיוו. **דאָס וועט זיין א גערעכטער** שלום און ער וועט געמאכט ווערן מיט אונדזער שותף צו דעם לאנד. ריכטיק האָט געזאָגט דער פּרעמיער אין דער כנסת, אז די שטחים פון דער גדה המערבית און פון עזה־געביט געהערן נישט צו דער האשעמיטישער דינאסטיע און נישט צו מצרים — אָבער זיי געהערן אויך נישט צו אונדז, זיי געהערן צום צווייטן פאָלק פון ארץ־ישראל. און מיט אים וועלן מיר דערגיין צו א שלום־הסכם. דער ערשטער מיליאָן אראבער וועט זיין א רינגל אין דער קייט פון שלום־אָפּמאכן. אָבער דאָס וועט זיין אן אנטשיידנדיק רינגל. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער סכסוך, דאָס איז געווען די סיבה פון סכסוך. ווייל צוליב וואָס איז אויסגעבראָכן דער קאָנפליקט צווישן אונדז און די אראבישע שכנותדיקע מדינות?! איך רעד וועגן אן אויפריכטיקן און אָנשטענדיקן משא ומתן און נישט וועגן א דיקטאט פון באזיגער צו באזיגטע.

א שלום־הסכם מיט א מיליאָן אראבער אין פאלעסטינע

ווען ארויסנעמען דעם ווינט פון די זעגלען פון די אראבישע מדינות, ווייל עס וועט פאקטיש ליקווידירט ווערן די הויפט־סיבה פון דער שנאה צווישן אונדז און זיי. עס וועט געעפנט ווערן דער וועג צו א שלום מיט די דאָזיקע מדינות צו ליקווידירן דעם קריגס־צושטאנד, דעם טעריטאָריאלן סכסוך און צו דער ליקווידאציע פון קאָנפליקט וועגן פרייען שיף־פארקער. און דאָס וועט זיין דער צווייטער פונקט אין דעם ישראלדיקן שלום־פלאן.

דריטנס, דארף אונדזער שלום־איניציאטיוו אנטהאלטן א פאָרשלאג פון אן אנטוויקלונגס־פלאן, וואָס זאָל ארומנע־מען דעם גאנצן ראיאָן, כדי צו לייזן דאָס פליטים־פּראָבלעם נישט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויךווירטשאפטלעך, כדי צו פאר־גרעסערן דעם ווירטשאפטלעכן פּאָטענציאל פון די אראבישע מדינות און פון ישראל, און כדי ארויפפירןביידע פעלקער אויפן וועג פון א בשותפותדיקער קאָנסטרוקטיווער טעטי־קייט, אָנשטאָט שנאה און מלחמה.

דער פערטער פונקט אין ישראלדיקן שלום־פלאן דארף זיין א ווענדונג צו די גרויסמאכטן **נישט כדי זיי זאָלן אונדז** ברענגען קאָעקזיסטענץ און שלום פון די הויכקייטן פון זייערס א שפּיצן־קאָנפערענץ, נאָר מיר ווילן זיי דערלאנגען א קליינעם קאָעקזיסטענץ־מוסטער פון אונדזער ראיאָן, „מייד אין יזראעל", און פאָדערן פון זיי גאראנטיעס, פאָדערן פון זיי פינאנסיעלע הילף פאר אנטוויקלונגס־פּלענער, פאָדערן פון זיי אָפּשטעלן דאָס באוואָפענונגס־געיעג און באפרייען דעם מיטעלן מזרח פונעם קאלטן קריג.

דעם ערשטן פונקט — שלום מיט די פאלעסטינע־ארא־בער — קענען מיר דורכפירן אָן דער הסכמה פון אנדערע פאקטאָרן. און אנדערע פונקטן פון שלום־פלאן האָבן מיר

די מעגלעכקייט לעת עתה בלויז צו פּראָקלאַמירן. אָבער די פּראָקלאַמירונג פון א פּולן שלום־פּלאַן, וועט נישט זיין סתם א שטיקל פּאַפּיר, נאָר אן ערשטראַנגיקער פּאָליטישער אקט. אזא פּלאַן וועט פארטיפן די דיפערענציאַציע אין דער אראַבישער וועלט, וואָס עקזיסטירט שוין היינט צו טאָג און פארשטאַרקן די טענדענץ פאר שלום. און דאָס דערפאַר, ווייל מיר וועלן אין דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע רעדן נישט נאָר אין נעגאַטיוון זין, נישט נאָר וועגן דעם, צו וואָס מיר זענען נישט מסכים, נאָר אויך אין פּאָזיטיוון זין, וועגן דעם, צו וואָס מיר זענען יאָ גרייט מסכים צו זיין. דורך דעם וועלן מיר דערגרייכן א ברייטע אונטערשטיצונג אין דעם מזרח־לאַגער, די אַנטי־קאָלאָניאַלע מדינות אין אזיע און אַפריקע און אויך אינערהאַלב דעם קאָמוניסטישן לאַגער. אויף אזא אופן וועט די עצם־פּראָקלאַמירונג פון אונדזער שלום־פּלאַן באַשווערן, אז עס זאָל זיך שאַפן א בשותּפותדיקער פראָנט פון דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן לאַגער מיטן פאַן־אַראַבישן לאַגער אויף דער באַזע פון א מלחמה קעגן ישראל און וועט זי אפשר פולשטענדיק צונישט מאַכן די דאָזיקע סכנה. דעריבער האָט די ישראלדיקע שלום־איניציאַטיוו אן אומגעהויערע פּראַקטישע באַדייטונג און זי אַנטהאַלט אין זיך נישט קיין שום געפאַר און קיין שום שאָדן.

## נישט נאָר מיט כוח אליין...

די פראַגע באַשטייט אין דעם, ווי אזוי מיר וועלן האַנדלען פון דעם דאָזיקן טאָג ביז דעם טאָג פון דער גורלדיקער אַנטשיידונג, וואָס שטייט פאַר אונדז. — צי מיר וועלן בלייבן זיצן מיט פארלייגטע הענט, אָדער אַרויסווייזן

אן אקטיווע איניציאַטיוו, כדי צו דערגרייכן דעם שלום. איך ווייס, אַז ספּעציעל נאָך דעם ווונדערבאַרן נצחון פון דער 6־טאָגיקער מלחמה באַפעסטיקט זיך ביי א טייל פון ציבור די מיינונג, **אַז מיר דאַרפן זיך שטיצן נאָר אויף כוח. אין אָנ־**הויב פון מיין אַרטיקל האָב איך אויסגעדריקט מיין מיינונג וועגן דער קוואַליטעט פון אונדזער כוח, זיינע מקורות און זיינע דערגרייכונגען. און אויב מיר וועלן אָנגעגריפן ווערן, וועלן מיר זיך ווידער פאַרטיידיקן און ווידער זיגן. אָבער עס איז דאָ ביי מיר א געפיל, אַז מיר זענען דערגאַנגען צו א פּאַוזע, אין וועלכער מיר דאַרפן אָנווענדן אונדזערע פּאָלי־טישע פעאיקייטן, אַז אונדזער פּאָליטישער טאַלאַנט זאָל דעריאָגן דעם מיליטערישן טאַלאַנט. מיר האָבן באַוויזן דער וועלט צו וואָס עס איז פעאיק דער גאון ישראל — ווי אַזוי מיר קענען זיך אַן עצה געבן און זיגן אין א מלחמה. און איצט דאַרפן מיר ווייזן דער וועלט, מיט וואָס פאַר א גע־וואַגטקייט און פאַרנונפט מיר זענען גרייט צו דערגרייכן דעם שלום.

אין דער 6־טאָגיקער מלחמה האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר זענען די אור־אייניקלעך פון די מכבייער. אָבער מיר האָבן אויך נאָך א גרויסן נאַציאָנאַלן עקזאַמען אויסצוהאַלטן, דורך באַווייזן, אַז מיר זענען ראוי צו זיין אויך די אור־אייניקלעך פון די נביאים. און זיי זענען דאָך געווען די נביאים פון שלום.

# אלוף ישעיהו גביש — דער גרעסטער ישראלדיקער סטראטעג

**דער קמאנדיר פונעם דרום־פראָנט ישעיהו גביש, איז דער, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק געפּאָרשט דעם מעטאָד צו שפּאלטן די סטרוקטור פונעם מצרי־שן פראָנט אין סיני, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין איינקלאַנג מיט דער סאָוויעטישער שלאכט־דאָקטרין.**

## פון אביעזר גולן

דעם 5־טן יוני, אַרום מיטאָג־צייט, נאָך דעם ווי ישעיהו גביש האָט לאַנגע שעהן געדולדיק, פול מיט ציטער, געוואַרט אויף דעם באַריכט פונעם אָפּשניט, מיט וועלכן עס האָט אָנ־געפירט דער אלוף ישראל טל, האָט ער ענדלעך דערהערט די שטים פון „טאַליקן" אינעם פאַרבינדונגס־אַפּאַראַט.

אַלוף טל, דער קאָמאַנדיר פון דער ישראלדיקער דיווי־זיע האָט באַריכטעט וועגן דערפאָלג: זיינע כוחות האָבן זיך דורכגעריסן חאַן־יוניס און האָבן באַהערשט די באַפעסטיקטע מצרישע פּאָזיציעס אין דער רפיח־קרייציקונג.

דעמאָלט האָט זיך צווישןביידע גענעראַלן געפירט פאָל־גנדיקער דיאַלאָג:

שייקע (מיט ציטער): „און אַבידות — זענען פאַראַן?"

טל: „קליינע".

שייקע: „אוי... אוי... אוי..."

דער דאָזיקער ספּאָנטאַנישער ווײ־אויסרוף האָט אין זיך דאָס, וואָס קאָן שאַפן די געשטאַלט פונעם דאָזיקן מענטש, וועלכער איז אין דער 6־טאָגיקער מלחמה געשטעלט געוואָרן בראש פונעם גרעסטן מיליטערישן כוח אין זיין אַרויסמאַרש אויפן שלאַכט־פעלד. דאָס איז געווען דער גרעסטער מיליטערישער כוח אין דער יידישער געשיכטע. אינעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה, ביים הערן דעם ערשטן נצחון־אָנזאָג — האָט ער גלייך געטראַכט וועגן די געפאַלענע.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, נאָך איינער פון די גרויסע געשעענישן אויפן סועץ־קאַנאַל, בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אין זיין קאַבינעט אין שטאַב פונעם דרום־ראַיאָן. מיר האָבן גערעדט וועגן דער געשעעניש אינעם פאַרגאַנגענעם טאָג, וועגן דעם זיכערהייטס־צושטאַנד אין דאָזיקן ראַיאָן (וואָס צעשפרייט זיך איבער 60 טויזנט ק"מ — דרייפאַכיק מער פונעם שטח פון מדינת ישראל אין דעם באַגין פון 5־טן יוני), וועגן די נייע גרענעצן. אָן שאָדן־פרייד האָט דער גענעראַל דערציילט וועגן דעם ענטפער, וואָס זיינע כוחות האָבן געגעבן די מצרים אין איסמאַיליאַ, וועגן די מצרישע אַבידות, וואָס זענען געווען צענפאַכיק גרעסער ווי ביי אונדז; וועגן דעם, וואָס היינט „זענען עס די מצרים וואָס פאַרזוכן דעם טעם פון לעבן אין גרענעץ־ישובים". אָבער זיינע געדאַנקען האָבן זיך כסדר אומגעקערט צו דער פראַגע פון אונדזערע אבידות.

ער האָט געזאָגט: „אין דער מלחמה האָט דאָס פאָלק אַרויסגעוויזן אַ וווּנדערלעכע גרייטקייט אויסצוהאַלטן אַלץ. אָבער היינט, האָבן מיר פיר געהרגעטע — און דאָס גאַנצע

לאַנד איז אויפגעטרייסלט, און מיט רעכט. די מלחמה איז געענדיקט. מיין פּראָבלעם איצט איז ווי אַזוי אָפּצוּעטפערן מיט אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ אויף יעדער מצרישער פּראָ־וואָקאַציע, אָן שאָדנס פאַר מיר. איך מיין, אַז דאָס לאָזט זיך דערגרייכן".

שייקע גביש, וועלכן דער אַמעריקאַנער גענעראַל מאַר־שאַל האָט אָנגערופן „דער גרעסטער ישראלדיקער סטראַ־טעג", פאַראייניקט אין זיך צוויי אייגנשאַפטן — דורכאויס פאַרשידענע, אָבער נישט דווקא קעגנזעצלעכע — און ביידע צוזאַמען קומען צום אויסדרוק אין זיין טיפער זאָרג פאַרן לעבן פון יעדן איינציקן זעלנער.

ער איז זייער מענטשלעך — נישט נאָר בנוגע דעם מענטשלעכן לעבן, נאָר אויך אין זיינע טאָג־טעגלעכע באַצי־אונגען מיט די מענטשן. די יונגע רב־טוראית, אַ באַאַמטין אין שטאב, האָט עס טרעפלעך פאָרמולירט זאָגנדיק וועגן אים: „ער האָט נישט קיין גענעראַל־קאָמפּלעקס". דאָס איז אַ קאָמאַנדיר, וואָס זאָגט דער ערשטער „שלום" יעדן פאַר־בייגייענדיקן אין די קאָרידאָרן פון שטאַב; וואָס פאַרגעסט קיינמאָל נישט צו זאָגן „תודה" סיי זיין שאָפער, דעם רב־סמל עזרא, וואָס פירט אים יעדן אָוונט אָפּ אַהיים, סיי דער סעקרעטאַרין ביים דערלאַנגען אים די קאַווע, סיי זיין אַדיר־טאַנט ביים אויסשפּרייטן פאַר אים אויפן טיש די מאַפּע פונעם ראַיאָן.

די אַנדערע אייגנשאַפט — ער איז אַ שטאַב־מענטש, וועמענס כוח איז אין געניטעם פּלאַנירן און אין געניטעם דורכ־פירן און וואָס עקלט זיך מיט יעדער נאַכלעסיקייט.

## סימבאלישע פּ.סירונגען

אינעם לעבן פונעם גענעראַל ישעיהו גביש זענען פאַראַן אייניקע וועג־צייכנס, וואָס דער גלויביקער אין מיסטיק קען אין זיי זען סימבאָלן.



אלוף ישעיהו גביש

אויף דער וואַנט פונעם וואַרטע־זאַל פאַר זיין קאַבינעט הענגט דאָס בילד פון אלוף אסף שמחוני ז״ל (דער וואָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פונעם דרום־אָפּשניט אין דער צייט

פון דער סיני־אַקציע), ווען ער נעמט אָן דאָס אונטערגעבן זיך פונעם מצרישן גובערנאַטאָר אין עזה־פּאַס.

אסף שמחוני איז איינער פון די מענטשן, וואָס שייקע גביש פּאַרערט צום שטאַרקסטן. ער איז געווען דער קאָמאַנ־דיר פונעם ערשטן גדוד אין דער „יפתח״־דיוויזיע בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה. שייקע איז דעמאָלט געווען קאָמאַנדיר פון אַ מיליטער־איינהייט אינעם זעלבן גדוד. דערנאָך איז ער אויפן אָרט פון שמחוני געווען קאָמאַנדיר פונעם גדוד.

אין יאָר 1956 האָט שייקע אָנגעפירט מיטן אויספיר־אָפּ־טייל און צוגעגרייט די פּלענער, וואָס אסף שמחוני האָט אַזוי גלענצנדיק דורכגעפירט אין דער סיני־אַקציע.

אמת, עס זענען אַריבער נאָך 9 יאָר ביז שייקע גביש האָט געירשנט דעם פּאָסטן, אויף וועלכן אסף שמחוני איז גע־ווען פּאַר זיין טויט — קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט און 11 יאָר איידער שייקע האָט זוכה געווען אין דער 6־טאָגיקער מלחמה צום נצחון קעגן וועלכן עס ווערן פּאַרבלאַסט אַלע דערגרייכונגען פון זיין פּאַרשטאָרבענעם קאָמאַנדיר.

אָבער נישט בלויז מיסטישע סימבאָליק, נאָר אויך אַ סך היסטאָרישע גערעכטיקייט איז פּאַראַן אין דעם, וואָס דווקא אויף די ברייטע פּלייצעס פונעם אַלוף ישעיהו גביש איז אָנ־געטון געוואָרן דער מאַנטל פונעם קאָמאַנדיר אין דער גרעס־טער מלחמה פון יידישן פאָלק, אין דער מלחמה קעגן דער מצרישער אַרמיי.

אין משך פון איבער דריי יאָר, איידער ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון דעם דרום־אָפּשניט, סוף 1965, איז שייקעס הויפּט־אויפגאַבע געווען — „די אַנטוויקלונג פון שלאַכט־לערע״. אָדער, גענויער פאָרמולירט, געפינען די ענט־

פערס אויף דער „סאָוויעטישער שלאַכט־דאָקטרין", וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דער מצרישער אַרמיי.

שייקע שמייכלט דערמאָנענדיק זיך אינעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ געפאַנגענעם הויכן מצרישן אָפיציר. שייקע האָט אים געפרעגט: „אפשר קענסטו מיר אויפקלערן, וואָס איז עס אייגנטלעך די סאָוויעטישע שלאַכט־דאָקטרין?" דער מצרישער קאָלאָנעל, שעף פון דיוויזיע־שטאַב האָט גע־הויבן מיט די אַקסלען: „דאָס איז אַ קאָמפּליצירטער ענין, אָבער איינס קאָן איך דיר זאָגן — די מערב־דאָקטרין איז אַ מער־געלונגענע..."

אין משך פון די דריי יאָר, וואָס שייקע איז געווען קאָ־מאַנדיר פונעם דרום־אָפּשניט, האָט ער זיך נישט באַגנוגנט מיטן דאָזיקן אַבסטראַקטן ענטפער. מען קאָן זאָגן, אַז ער קען די „סאָוויעטישע שלאַכט־דאָקטרין" מער פון יעדן מצרישן קאָמאַנדיר, וואָס האָט זי געלערנט אויף די קורסן אין רוס־לאַנד. דאָס איז אַ מלחמה־מעטאָד, וואָס איז באַזירט אויף אַן אומאיבערייסלעכער סטרוקטור פון גראָבונגען לענגאויס דעם גאַנצן פראָנט און אויף אַ באַדייטנדיקער טיפקייט. דאָס פאָ־דערט אַ ריזיקע צאָל אויסשטאַטונג און מענטשן, כדי צו באַ־זעצן די גאַנצע לענג פונעם פראָנט. דאַקעגן פאָדערט די דאָקטרין וויניקער פונעם זעלנער. ער שטייט אין די אָקאָ־פּעס. יעדער האָט זיין קלאָרן און פון פאָרויס־פאָרמולירטע אויפגאַבע. פאַר דער מלחמה האָט גביש געזאָגט: „די דאָזיקע דאָקטרין איז זייער צוגעפּאַסט צו דער מענטאַליטעט פון דעם דורכשניטלעכן מצרישן זעלנער, ווייל זי פאָדערט נישט פון אים קיין אָריענטאַציע אין די באַזונדערע סיטואַציעס און נישט קיין ספּעציעלע איניציאַטיוו".

אָבער אויך די סאָוויעטישע דאָקטרין איז נישט בלויז

קיין פאַרטיידיקונגס־דאָקטרין און זי נעמט אויך אַריין נאָר־מעס פאַר קעגן־אָנגריפן און אָפּענסיווע־נאָרמעס, וואָס זענען אין דער 6־טאָגיקער מלחמה בכלל נישט דערפירט געוואָרן צו וועלכער עס איז רעאַליזאַציע דורך די מצרים. פאַקטיש האָט אלוף גביש אין משך פון דער גאַנצער מלחמה אויפן דרום־פראָנט נישט מער ווי איינמאָל אָנגעטראָפן זיך אויף א מצרישן כוחות־צוזאַמענשטעל צו אַ קעגן־אָנגריף. דאָס איז געווען דעם אָוונט פונעם ערשטן מלחמה־טאָג, ווען אַ גע־פּאַנצערטע מצרישע דיוויזיע האָט זיך באַוועגט פון דזשע־בעל־ליבני צו הילף דעם מצרישן כוח, וועלכער איז אָנגעגריפן געוואָרן אין רפיח — אל־עריש.

אין די „מלחמה־שפּילן", וואָס שייקע גביש האָט דורכ־געפירט אין די יאָרן, ווען ער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דרום־אָפּשניט, האָט ער געזוכט און געפּאָרשט פאַרשידנער־ליי ענטפערס אויף דער סאָוויעטישער דאָקטרין און האָט דע־מאָלט דער מצרישער אַרמיי צוגעשריבן אַ פיל העכערן ראַנג פון פעאיקייט. אין דער לעצטער אַקציע — איידער ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון דרום־ראַיאָן — „די גרויסע מאַנעווורעס" ווינטער 1965 — האָט דער „שונא" אַרויס־געוויזן גרויס שווונג, געפירט גרויסע פאַנצער־באַוועגונגען, דורכגעפירט שאַרפע קעגן־אָנגריפן. נישט געקוקט דערויף האָט אויך דעמאָלט — אין די מאַנעווורעס — „צה"ל" געזיגט. דאָס איז דערפאַר, ווייל די קאַמפּס־דאָקטרין, וואָס שייקע האָט אַנטוויקלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פיל בעסער. שייקע האָט דעמאָלט מיט שטאָלץ געזאָגט: „דאָס איז אונדזערס אַן אייגענער קאַמפּס־מעטאָד, א צה"לישער מעטאָד!".

אויך היינט שטאָלצירט שייקע מיט יענע מאַנעווורעס. עס האָבן דעמאָלט אָנטיילגענומען אַ סך טאַנקן און צום ער־

שטן מאָל אין דער געשיכטע פון צה"ל זענען אין מאַנעווירן אַריינגעפירט געוואָרן כוחות אין דער אָרדענונגס־גרויס פון אַן איבער־פּאַרמאַציע־כוח אונטער איין אָנפירונג. די מאַ־נעוורעס האָבן געדויערט פיר טעג נאָכאַנאַנד „און — דער־מאָנט זיך דער גענעראַל — די אויסהאַלטונג־ און צושטעל־מעטאָדן זענען געווען אַזעלכע, אַז דער גאַנצער כוח איז אָנ־געקומען צו דער ענדגילטיקער שלאַכט. מיר האָבן נישט אי־בערגעלאָזט קיין שום קאָמוניקאַציע־מיטלען אויפן וועג צו־ליב דעפעקטן אָדער מאַנגל אין בענזין".

די גרויסע מאַנעוורעס האָבן אָפּגעקאָסט א פאַרמעגן, אָ־בער שייקע גלויבט, אַז די אויסגאַבן האָבן געלוינט. די 6־טאָגיקע מלחמה אויפן דרום־פראָנט איז געווען אַ „פּראָבע" פון די גרויסע מאַנעוורעס, אפילו גרינגער, פונעם שטאַנד־פונקט, וואָס די מצרישע רעאַקציעס זענען געווען וויניקער פעאיקע פונעם „שונא" בעת די מאַנעוורעס. אָבער אין אַן אַנדערער הינזיכט איז די „פּראָבע" געווען, פאַרשטייט זיך, שווערער און ווייטיקלעכער. די אבידות זענען דאָסמאָל געווען אמתע.

## א סך געדולד

אין די וואָכן נאָך דער מלחמה האָט דאָס באַוויזן זיך פון גענעראַל גביש אויף די גאַסן פון באר־שבע גלייך דער־פירט צו אַ צוזאַמענלויף. פאַרבייגייער האָבן זיך פאַרהאַלטן און אים אַפּלאָדירט. ווען דער שטאָטישער רעליגיעזער ראַט האָט איינגעאָרדנט א דאַנקבאַרקייטס־מיטינג אינעם זאַל פון פאָלקס־הויז, האָט דעמאָלט אויף אים געפלייצט מיט אַזויפיל קאָמפּלימענטן, אַז די פאַרזאַמלטע האָבן געקענט זען ווי זייער

העלד רויטלט זיך. עס איז אַפילו אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג פאַרצושלאָגן אים ביי די קומענדיקע וואַלן דעם פּאָסטן פון **ראש העיר**.

אָבער אין די ערשטע צוויי וואָכן נאָך דער מלחמה איז שווער געווען צו געפינען אין באר־שבע אַ מענטש, וואָס זאָל קאָנען שילדערן דעם אויסזען פון ראיאָן־קאָמאנדיר, כאָטש ער וווינט שוין אין באר־שבע איבער א יאָר (דאַקעגן קענען אים גאָר גוט די איינוווינער פון די דרום־ישובים, וועלכע ער האָט באַזוכט פאַר דער מלחמה — און נישט בלויז אין רע־זולטאַט פון די אַל פאַטאַך־אַנגריפן אָדער באָמבארדירונגען פון דער מצרישער ארטילעריע אין עזה־פּאס).

ער איז אַ הויכער און ברייטפּלייציקער מאַן, מיט אַן עטוואָס־וואַקלענדיקן גאַנג, ווי אַ רייטער. ער האָט אויך דעם מענערישן חן פון אַן אַרטיסט אין קאָובאָי־פילמען. דאָס איינציקע וואָס שטערט, אפשר, דעם אויסזען פון אַ פילם־אַרטיסט, איז זיין שטים, וואָס איז עטוואָס העכער ווי מען קאָן דערוואַרטן פון אזא צעוואַקסענעם מאַן. אָבער אין אַל־געמיין רעדט ער שטיל און פּאַוואָליע, מיט אַ סך געדולד. אינעם אופן פון זיין רעדן איז פאַראַן דער פּראָפעסיאָנעלער אינסטרוקטאָר און טעאָרעטיקער. זיינע באַפעלן זענען קלאָרע און גענויע, אזוי אויך זיין שמועס. אַפילו אין די מלחמה־טעג האָט אים קיינער נישט געזען פאַרלירן דאָס געדולד און קיינער האָט אים נישט געהערט העכערן זיין שטים ביז גע־שריי אָדער זידלעריי. דאָס איינציקע, וואָס האָט עדות גע־זאָגט אויף זיין שפּאַנונג, איז געווען די צאָל אויסגערויכער־טע פּאַפּיראָסן, דריי־פיר פּעקלעך אין מעת־לעת (ער רויכערט מענטע־פּאַפּיראָסן, מיט דער מיינונג, אין וועלכער ער איז מודה מיט זיין שעמעוודיקן שמייכל, אַז דאָס איז נישט

מער ווי אן איינרעדעניש, אז זיי זענען ווייניקער שעדלעך).

פאקטיש איז געווען נאָך אַ באַווייז: ווען ער האָט אין אָוונט פון דעם ערשטן מלחמה־טאָג פאַרלאָזט די סטאַבילע שטאַב־פּאָזיציע און איז געפאָרן אין דעם קייטן־אויטאָ צו זיינע כוחות אין סיני, האָט ער זיך ארומגעקוקט איבער די אנטענעס אין דעם קייטן־אויטאָ, וואָס איז געווען פול מיט שטאב־אָפיצירן און שטיל, ווי איבעראשט, געזאָגט: „איר ווייסט וואָס פאַר אַן אַחריות עס ליגט אויף דעם דאָזיקן אוי־טאָ?״ אין א שמועס נאָך דער מלחמה האָט ער איינמאָל מודה געווען: „עס זענען געווען מאָמענטן, ווען איך האָב געפילט, אז אויף מיינע פּלייצעס ליגט די אחריות פארן גורל פון גאַנצן יידישן פאָלק״.

אָבער בשעת מעשה האָט ער מיט קיין ריר פון א ברעם נישט ארויסגעוויזן ווי שווער עס איז די אויפגאַבע.

די מלחמה האָט שייקען „געכאפּט״ נאָך דריי וואָכן גרייט־קייט־צושטאנד, ווען ער איז געווען שטארק מיד. אין משך פון לעצטן יאָר האָט איין געשעעניש געיאָגט די אַנדערע און כאָטש מערסטנס האָבן זיי פּאַסירט אויפן צפון־פראָנט און האָבן נישט דערפירט צו קיין מאָביליזאַציעס, איז אָבער נישט דורך קיין איין געשעעניש לענגאויס די גרענעצן, וואָס זאָלן זיך נישט לאָזן פילן אין דעם דרום־שטאָב, ווייל פארן הויפּט־שונא האָט זיך גערעכנט די מצרישע אַרמיי.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט קעגן דער שפּאַ־נונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 16־טן מאי 1967. גביש, וועלכער איז געווען באקאנט אלס „גענעראַל, וואָס באַגנוגנט זיך נישט מיט שרייבטיש, נאָר האָט ליב צו זען די זאַכן אויפן אָרט״, איז אַרומגעלאָפן טאָג און נאַכט, האָט באַזוכט די איינהייטן אין פעלד, האָט באַגלייט דעם פּרעמיער, דעם זי־

בערהייטס־מיניסטער און דעם רמטכ״ל אויף זייערע אינספעקציעס, איז געפאָרן אויף באַראַטונגען אין צפון. ער איז געשלאָפן דורכשניטלעך 5 שעה אין דער נאַכט און גאָר אָפט האָט ער אויך אָפּגעשפּאָרט די צייט פון פאָרן אַהיים קיין באר־שבע. ער איז געשלאָפן אין אַן אַלקערל נעבן זיין קאַבינעט, איבערלאָזנדיק א געגויע אָנווייזונג דעם דיזשורנעם, ער זאָל אים גלייך אויפוועקן ווען עס וועט זיין א נויטווענדיקייט. אויב עס האָט גאָרנישט פּאַסירט, האָט ער זיך אויפגעוועקט 4.30 אינדערפרי. דעמאָלט האָט שוין ביי זיין טיר געוואַרט דער דיזשורירנדיקער אינפאָרמאַציע־אָפיציר, אי־בערגעגעבן אים אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט אין משך פון דער נאַכט. גלייך נאָכן אויסהערן דעם דאָזיקן באַריכט האָט ער צונויפגערופן זיינע שטאַב־לייט צו דער ערשטער טאָג־זיצונג.

אויף די שטאַב־זיצונגען איז ער געווען א קאָמאַנדיר, וואָס וואַרפט בישט אָן זיין מאַכט. ער האָט געמוטיקט זיינע שטאַב־מענטשן אויסצודריקן פריי זייערע מיינונגען, האָט זיי פשוט אונטערגעיאָגט, זיי זאָלן מיט אים דיסקוטירן. צו דער שטאַב־גרופּע האָט ער זיך אַפילו באַצויגן ווי צו אַ קאָלעקטיוו און ווען ער דערציילט וועגן זיינע טאַטן אין דער מלחמה פאַרגעסט ער קיינמאָל נישט צו געבן קאָמפּלימענטן דעם „וואונדערלעכן שטאַב, וואָס איך האָב געהאַט". אינעם זעלבן טאָן רעדט ער וועגן זיינע דריי „דיוויזיאָנערן" — די קאָמאַנדירן פון די דיוויזיעס; ווען ער איז אַרויסגעטראָטן אויף דער ערשטער פּרעסע־קאָנפערענץ נאָך דער מלחמה, האָט ער געענדיקט זיין דערציילן וועגן די געשעענישן אויפן דרום־פראָנט מיט דעם קאָמפּלימענט:

„מיט אַזעלכע דריי גענעראַלן קאָן מען ווייט דערגיין".

## „אַט, דאָס איז עס״

דעם 5־טן יוני אינערפרי האָט זיך שייקע אויפגעפירט ווי זיין שטייגער: האָט זיך אויפגעכאַפּט 4.30 באַגין, אויסגע־הערט דעם אינפאָרמאַציע־באַריכט זופנדיק די קאַווע, האָט זיך ראַזירט און באַלד צונויפגערופן די שטאַב־זיצונג. 8 אַזייגער אינדערפרי איז די זיצונג שוין געווען פאַרענדיקט, אָבער די שטאַב־מענטשן זענען נאָך געזעסן אויף זייערע ערטער, ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען.

די סעקרעטארין האָט אים דערלאַנגט דאָס טרייבל זאָגנ־דיק: „אַ שמועס מיטן גענעראַל־שטאַב״. אויף דער צווייטער זייט ליניע איז געווען דער פאַרטרעטער פונעם רמטכ״ל, אלוף חיים בר־לב.

שייקע האָט זיך צוגעהערט. די אַנוועזנדיקע אין צימער שווערן, אַז קיין מוסקול אויף זיין פּנים האָט זיך קיין ריר נישט געטון. ער האָט געזאָגט: „יאָ... יאָ... „תודה״: דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל אויפן אַפּאַראַט און גע־זאָגט:

„חברה, אַט דאָס איז עס! זה־הוא־זה!״

און ער האָט באַפוילן אַרויסצוגעבן די דיוויזיעס דעם באַפעל פון אַרויסמאַרש.

אין אַ צייט אַרום האָט שייקע גביש געטענהט, אַז די שווערסטע תקופה איז פאַר אים געווען דער גרייטקייט־צו־שטאַנד. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אין די פיר־פינף פאַרמיטאָג־שעהן אינעם 5־טן יוני און איז שוין מער נישט געווען אַזוי זיכער.

נאָכן אַרויסגעבן דעם אַרויסמאַרש־באַפעל האָט ער זיך רואיק אַוועקגעזעצט און געוואַרט. ער האָט געציטערט פאַר

די רעזולטאטן פון ערשטן צוזאַמענשטויס, בעיקר אויפן אָפּ־שניט פון אלוף טל (טלס דיוויזיע איז געווען די איינציקע, וואָס איז שוין אין אָנהויב אָנגעפאלן אויף די הויפּט־פּאָזי־ציעס פון דער מצרישער ארמיי; אַריקס דיוויזיע האָט זיך לאנגזאַם דערנענטערט צו די אויסערלעכע פּאָזיציעס ביי אום־כתף — די גרויסע שלאכט איז פאַר איר געווען צוגע־גרייט ערשט ביינאכט — יפהס דיוויזיע האָט זיך לאַנגזאַם באַוויגן אינמיטן, קעמפנדיק מיט די טיפע זאמדן, און נישט אָנטרעפנדיק זיך דערוויַיל אויפן שונאס מיליטער). שייקע איז ממש „אויסגעגאנגען" אויפצוהייבן דאָס טרייבל און זיך פאַרבינדן מיט אליקן, פרעגן אים „ווי גייט עס?"

אינצווישן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ידיעות וועגן די דערפּאָלגן פונעם לופט־פלאָט — אַן אָפיציר פון לופט־פלאָט איז געזעסן נע בזאים און איבערגעגעבן די באריכטן, וואָס ער האָט דערהאַלטן פונעם שטאב פון לופט־פלאָט — און די שטילקייט אין דעם שטאב איז געשטערט געוואָרן דורך פרייד־אויסגערשייען.

גביש האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די שאַלנדיקע אָפיצירן און מיט זיין רואיקער שטים געזאָגט:

„חברה, אפשר וועט איר זיך פרייען אַביסל שטילער?"

## דריי „זשאבעס"

אלוף ישעיהו גביש איז דער ערשטער קאָמאנדיר אין דער געשיכטע פון צה"ל, וואָס האָט אָנגעפירט אין דער שלאכט מיט אזא צונויפשטעל פון כוחות — דריי זעלבשטענ־דיקע דיוויזיעס. יעדע האָט געהאט איר אייגענע אויפגאבע נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס יעדע פון זיי האָט געהאט איר אייגענעם קאָמאנדיר (און אריק שרון, פול מיט אָנערקע־נונג פארן טאקט, מיט וועלכן גביש האָט זיך געפירט צו

זיינע „דיוויזיאָנערן”, האָט אמאָל געזאָגט: „איר מיינט, אַז עס איז אים אַזוי גרינג געווען אַראָפּצושלינגען אַזעלכע דריי „זשאבעס” ווי מיר?”).

עס פרעגט זיך: אין וואָס פאַראַ מאָס איז דער פראָנט־קאָמאנדיר אין אַזעלכע באַדינגונגען דער ווירקלעכער קאָ־מאנדיר? ד. ה.: וואָס פאר אן אָרט האָט ער, אינעם בילד פון פירן די מלחמה, צווישן גענעראַל־שטאב און די דיווי־זיעס?

וואָס שייך גבישן — איז נישטאָ קיין ספק, אַז ער האָט געהאט א גרויסן חלק אין פירן די מלחמה, אַפילו איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן, ווייל ער איז עס דער, וואָס האָט צוגע־גרייט די וועגן און אופנים מיט וועלכע צו פירן די מלחמה.

## דער גורלדיקער באשלוס

דער קאָמאנדיר פונעם פראָנט האָט געדאַרפט דעצי־דירן אין „גרויסע פראגן”, ווי דער טערמין פון אָנגריף אויף אום־כתף, ווי זיין באשלוס אין יענעם ערשטן מלחמה־טאָג, ווען די כוחות פון אלוף טל האָבן מאַרשירט פאָרויס אין אַזאַ טעמפּאָ; ווי דער באַשלוס אין דעם פרימאָרגן פונעם צווייטן מלחמה־טאָג צו שיקן קותיס פוסגייער־דיוויזיע, וואָס האָט נאָרוואָס פאַרנומען אבו־עגילה, אָפּצורייניקן די זאמדן פון אל־עריש, ווו עס האָבן זיך נאָך באַהאַלטן טויזנטער מצ־רים און געשאָסן אויף די אַפּראָוויזאַציע־קאַראַוואַנען פון אלוף טל; ווי דער באַשלוס אין יענעם ערשטן מלחמה־טאָג, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דאָס באָמבאַרדירן די ישו־בים קעגנאיבער דעם „פּאַס”, צו וואַרפן יהודהס גרופּע מיטן ציל צו דעראָבערן דעם פּאַס. זיין דעציזיע איז אָבער

נויטיק געווען אויך לגבי מער שאבלאָנע און ווייניקער „דראַמאַטישע" באַשלוסן ווי איינצושטעלן די היעראַרכיע ביים אראָפּוואַרפן פון דער לופט די נויטיקע באַזאָרגונג, ווי אויך אויף יעדער ווענדונג נאָך הילף פון דער לופט.

אָבער, אפשר דער סאַמע גורלדיקסטער באַשלוס אין גאַנג פון דער מלחמה, איז געפאַלן אינעם צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי עס איז דעראָבערט געוואָרן ביר־לחפן און עס איז אנטשטאַנען די פראַגע, וואָס ווייטער צו טאָן. מיטן דעראָבערן ביר־לחפן איז געעפנט געוואָרן דער וועג צו דער צענטראַלער סיני־אַרענע. צי וועט דער ישראלדיקער פּאַנצער־כוח זיך דורכרייסן צו דער דאָזיקער צענטראַלער אַרענע און וועלן דאָרט פאַרניכטן דעם מצרישן פּאַנצער־כוח אין שלאַכטן פון טאַנק־קעגן־טאַנק?

אויפן כביש, נעבן דזשיבעל ליבני, האָט אַלוף גביש אָפּגעהאַלטן א באַראַטונג מיט צוויי קאָמאַנדירן פון זיינע דיוויזיעס, די גענעראַלן טל און יפה און האָט דאָרט אָנגענומען דעם באַשלוס — אין רעזולטאַט, פון וועלכן דער גענעראַל מאַרשאַל האָט אים געגעבן דעם טיטל „דער גרעסטער סטראַטעג פון ישראל" — אַז אַנשטאָט צו יאָגן דעם מצרישן פּאַנצער־כוח און פאַרבינדן מיט אים אַ שלאַכט, זאָל געמאַכט ווערן די אָנשטרענגונג צו פאַרכאַפּן די דריי אויסגאַנג־אַקסן פון סיני און זיי פאַרצוימען, און דורך דעם — צווינגען די מצרישע פּאַנצער־אַרמיי אַריינצוגיין אין שלאַכט, „ווען מיר זענען אין סטאַטישן צושטאַנד און זי איז אין באַוועגונג".

עס איז געווען א גרויסע געוואַגטקייט אינעם דאָזיקן פּלאַן. דאָס האָט געהייסן — שנעלער פאָרויסמאַרש אין דריי שמאָלע אַקסן צו באַשטימונגען ווייט אין הינטער־

לאַנד פון שונא. יעדער פון די אַקסן האָט געקענט אָפּגע־
האַקט ווערן דורך א מצרישן קעגן־אַנגריף און דעמאָלט
וואָלטן זיך איבערגעדרייט די יוצרות און די איבערייסער
וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּגעריסענע.

אָבער די געוואַגטקייט האָט זיך באַרעכטיקט.

גביש פאַרגעסט נישט אונטערצושטרייכן, אַז דאָס איז
אין א גרויסער מאָס געלונגען — „אַדאַנק מיינע גענע־
ראַלן; מען האָט זיי נישט געדאַרפט אונטערשטופּן. עס איז
געגעבן געוואָרן דער באַפעל און זיי האָבן אים פולשטענדיק
רעאַליזירט, נאָך מער, מיין פּראָבלעם איז באַשטאַנען אין
א י י נ ה א ל ט ן די דיוויזיעס, וואָס האָבן צו־שנעל
מאַרשירט פאָרויס"...

אָבער ווען ער נעמט טיילן די שבחים, היט ער דעם
גרעסטן לויב פאַר צה"ל אין אַלגעמיין, ווי א מלחמה־מאַשין.
מיט עטוואָס שטויננונג זאָגט ער: „אויב עס זענען געווען
איבעראַשונגען אין דער דאָזיקער מלחמה, זענען עס געווען
איבעראַשונגען צום גוטן. אין אונדזער פריערדיקן פּלאַן,
וואָס האָט גערופן צו אַן אומאיבערייסלעכער מלחמה אין
משך פון 48 און 72 שעה, האָבן מיר געהאַט ספיקות. מיר
האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי עס וועט דאָס אויסהאַלטן דער
זעלנער און ווי אַזוי עס וועט דאָס אויסהאַלטן דער פּאַנצער
און די קאָמוניקאַציע. אמת, מיר האָבן דאָס אויסגעפּרוווט
אין די מאַנעוורעס, אָבער מען קאָן דאָך נישט פאַרגלייכן
קיין מאַנעוורעס צו אַן אמתדיקער מלחמה. עס איז אָבער
קלאָר געוואָרן, אַז עס זענען גרענעצלאָז די אויפגאַבן, וואָס
לאָזן זיך ארויפוואַרפן אויפן ישראלדיקן סאָלדאַט. ער האָט
געקעמפט אָן איבעררייס, נישט נאָר 48 שעה, נאָר נאָכאַמאָל
אַזויפיל. ער האָט געקעמפט אין א צווייפאַכיקן טעמפּאָ ווי

עס איז געווען פּלאַנירט. מיר האָבן גערעכנט, אַז מיר וועלן ענדיקן די אַקציע אין 6־7 טעג, אַזוי ווי די סיני־אַקציע, אָבער די מלחמה אין דרום האָט זיך געענדיקט נאָך 4 טעג. קיין שום איינהייט איז נישט דורכגעפאַלן און קיין איינע האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשטויסן אויף צוריק. אַלע אויפ־גאַבן זענען רעאַליזירט געוואָרן אויף הונדערט פּראָצענט. אַזאַ מלחמה איז נאָך נישט געווען...״

## סימפּאַטיקער פון „הפועל״

דער גענעראַל ישעיהו גביש (שקלאַרש) איז געבוירן אין תּל־אביב אין יאָר 1925. זיין פאָטער איז געווען אַ באַ־אַמטער אין אַ הסתדרותישער אינסטיטוציע און האָט דער־צויגן זיינע קינדער (ישעיהו האָט אַ ברודער, אַ מיטגליד אין קאָאָפּעראַטיוו „דן״) אויף די ווערטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. האָט זיי געשיקט לערנען אין בית־חינוך (שולן־נעץ פון דער הסתדרות) און אין דער לאַנדווירטשאַפטלע־כער גימנאַזיע אין גבעת השלושה. שייקע איז געווען אַ פאַנאַטישער סימפּאַטיקער פון ספּאָרט־קלוב „הפועל״ און שפּעטער, ווען ער האָט, אין עלטער פון 18 יאָר, זיך אָנגע־שלאָסן אין פּלמ״ח, האָט ער פאַנאַטיש פיינט געהאַט אַדי פאַרשידנערליי „פורשים״ און די „בועזים״. אַ סך פון דער דאָזיקער פאַנאַטישקייט איז אַוועק מיט די יאָרן, אָבער אין אַנדערע הינזיכטן — זיין צוגאַנג צו די זעלנער, זיין טיפער באַוווסטזיין וועגן דער פליכט פון דער יוגנט צו התנדבות — איז ער געבליבן אַ פּלמ״חניק.

אין שול איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער שילער, געהאַט אַ נייגונג צו מאַטעמאַטיק און „פאַרשטענדלעכע״

הענט. אין שטוב איז ער געווען „אַ גוט קינד״. אַזעלכער איז ער ביזן היינטיקן טאָג. ווען ער איז נאָך געווען אין גענעראַל־שטאַב און געוווינט אין נווה־מגן, איז ביי אים געווען אַ געזעץ צו באַזוכן יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג זיינע עלטערן אינעם קליינעם הייזל, ווו ער איז אויסגעוואַקסן. אַזוי האָט ער פאָרגעזעצט זיינע באַזוכן אויך נאָכדעם ווי ער איז אַריבער וווינען אין באר־שבע, ביז דער גרייט־קייטס־צושטאַנד האָט אים נישט געלאָזט ווייטער פאָרזעצן.

דאָס איז אפשר געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער האָט נישט געפאָלגט זיינע עלטערן, ווען ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין גבעת השלושה. זיין פאָטער האָט געוואָלט, ער זאָל ווייטער לערנען אין טכניון, אָבער ער האָט באַשלאָסן אריינצוטרעטן אין פלמ״ח. דער פאָטער האָט אים געוואָלט איבערצייגן און צונויפגעטראָפן אים מיטן פראָפעסאָר עטינגער, וועלכער האָט אים צוגערעדט, אז עס איז א שאָד, אזא טאלאנט זאָל נישט ווערן אויסגענוצט. שייקע האָט מסכים געווען, אָבער מיטן באַדינג, ער זאָל פריער ענדיקן אַ יאָר דינסט אין פלמ״ח. ווען דאָס יאָר האָט זיך געענדיקט איז ער שוין געווען אַ גרופן־אָנפירער און יצחק שדה האָט אים איבערצייגט, אז ער איז „שולדיק״ דעם פלמ״ח נאָך פיר יאָר...

שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אין שטאב האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ טאַלאַנטירטן סערזשאַנט, וועלכן ער האָט געפּרוּווט צורעדן אונטערצושרייבן זיך צו בלייבן סטאביל אין מיליטער. יענער האָט געטענהט, אז ער וויל זיך פאַרזיכערן זיין צוקונפט און געזאָגט צום גענעראַל: „ווער זאָרגט היינט פאַר דער מדינה? צי די לערער וואָס שטרייקן? צי די „אגד״־שאָפערן, וואָס פאָדערן אַ הוספה?״

„דו ביסט גערעכט — האָט אים שייקע גביש רואיק געענטפערט — איז זאָלן מיר דערפאַר זאָרגן פאַר דער מדינה״...

דער באַוווסטזיין, אַז קודם־כל דאַרף אַ מענטש פאָדערן פון זיך אַליין און אַליין רעאַליזירן, האָט עס אים דערפירט צום רעזיגנירן פון דער אַקאַדעמישער קאַריערע און בלייבן אין די לאַגערן פון פלמ״ח. ער איז געוואָרן אַן אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר אין נען (דאָרט האָט ער באַגעגנט זיין פרוי גיטה, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט ביים סוף פון דער באפרייאונגס־מלחמה, גענוי 18 יאָר איידער עס איז אויסגעבראָכן די 6־טאָגיקע מלחמה; די פרוי, וואָס איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה פרייוויליק אַוועק אינעם מיליטערישן שפּיטאָל אין באר־שבע און איז פון דאָרט נישט ארויס אין משך פון די זעקס טעג — האָט שפּעטער געזאָגט, אַז דעם נצחון האָט דער מאַן איר געבראַכט אלס מתנה צום יאָרטאָג פון זייער חתונה) און באַטאַליאָן־קאָמאנדיר אין בית שיטה. אינעם „שווארצן שבת״, אין יוני 1946, איז ער ארעסטירט געוואָרן און געזעסן אייניקע חדשים אין לטרון, אָבער ווען ער איז באפרייט געוואָרן איז ער צוריק אַוועק אין זיין באַטאַליאָן, האָט אָנטיילגענומען אין אראָפּנעמען מעפּילים און אין א ריי אַנדערע אַקציעס פון „מאבק״.

מיטן אויסברוך פון די שלאַכטן אין תש״ח האָט זיין אָפּטיילונג געקעמפט אין די ערשטע גרויסע שלאַכטן אין טירת צבי און אין משמר העמק. דערנאָך האָט זיך געשאפן די „יפתח״־דיוויזיע און דער גדוד 1 איז אוועק אויף צפון און זיך באַטייליקט אין דער שווערער שלאַכט אויף מלכיה. דאָרט איז שייקע פאַרוווּנדעט געוואָרן און עס האָט זיך

שיעור נישט געענדיקט זיין מיליטערישע קאַריערע. דעם 14־טן מאַי 1948, אין סאַמע ברען פון אַראַבישן קעגן־אָנגריף אויף מלכיה, האָט מען אין זיין שטאַב אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט. שייקעס וואַכזאַמקייט האָט אָפּגעראַטעוועט דעם שטאַב. ער האָט מיטן פוס אַ קאָפּע־געטאָן דעם גראַנאַט און אַרויסגעשליידערט אים אינדרויסן אַרויס. אָבער ביים אויפרייס איז זיין פוס שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און עס איז געווען אַ געפאַר, אַז מען וועט דאַרפן אַראָפּנעמען דעם פוס. אייניקע חדשים איז ער געווען אין שפּיטאָל און ווען ער האָט זיך אומגעקערט, איז זיין פוס נאָך געווען צו־שוואַך אומצוקערן זיך צו שלאַכט־אויפגאַבן און ער איז דעמאָלט באַמינירט געוואָרן אַלס אויספיר־אָפיציר פונעם דריטן גדוד. דערנאָך, ווען זיין דיוויזיע איז אַוועק אויפן נגב איז ער געווען דער פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר פון ערשטן גדוד און לסוף — גדוד־קאָמאַנדיר.

דאָס אויפלייזן דעם פלמ״ח האָט שייקע איבערגעלעבט ווי אַ שווערן קריזיס און האָט זיך לאַנג געראַנגלט מיט דער פראַגע, צי זיין געטרייקייט געהער זיינע חברים אָדער דער מדינה. ווען ער האָט ענדלעך באַשלאָסן — האָט ער זיך שוין מער נישט אומגעקוקט אויף צוריק.

## משפחה-פּיקניק אין מדבר

דאָס איבערגייען אין דרום־שטאַב, אין יאַנואַר 1966, האָט דורכגעפירט אַן איבערקערעניש אין זיין לעבנסשטייגער. דאָס איז געווען איינע פון די וויניקע פּאָסטנס אין צה״ל, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן באַקומען אַ דירה. שייקע האָט געמוזט רעזיגנירן פון זיין הויז אין נווה־מגן און זיי־

ענדיק אין כאַראַקטער א „שטוב־חיה״, וואָס איז צוגעבונדן צו זיין דירה און צו זיין משפחה, איז דאָס רעזיגנירן געווען פאַרבונדן מיט אַ פסיכישן געראנגל. ער האָט אויך געמוזט רעזיגנירן פון זיין הויפט־האָבי — דעם פישפאַנג.

זייַנע צוויי זין, עוזי און גיורא (17 און 15 יאָר אלט), וואָס האָבן פון אים געירשנט זיין שלאנקע הויך און פון זייער מוטער — די געזיכט־שטריכן, האָבן זיך פארשריבן אין דער גימנאַזיע אין באר־שבע און זיך געשאפן אַ נייעם קרייז פון חברים. זיין פרוי, אַן אקטיווע און ברויזנדיקע, האָט געפונען פאר זיך אַ ברייט פעלד פאר טעטיקייט אין דער נייער סביבה, אַדאַפּטירנדיק הויפטזעכלעך די בלינדע פון באר־שבע. ביי געלעגנהייטן אָרדנט זי איין אין איר שטוב אַ „באַזאַר״, אויף וועלכן עס ווערן פארקויפט די האנט־ארבעטן פון די בלינדע. זינט דער מלחמה איז זי אויך טעטיק אין „ועד למען החייל״ און האָט זיך געשאפן אַ נייעם קרייז פון פריינט און פארערער צווישן די אַרבעטער אין אָרטיקן שפיטאָל.

שייקע אַליין איז ווייניקער עלאסטיש. אויך זיין פאָסטן דערלויבט אים נישט אנטוויקלען א געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. דער קרייז פון זיינע באַקאַנטע אין באר־שבע איז זייער א קליינער, דער מיליטערישער גובערנאטאָר, דער פאָליציי־קאָמאנדיר, א זשורנאליסט, עטלעכע שכנים. פון צייט צו צייט כאַפּט ער אריין א טעניס־שפיל אָדער א באָד אין דער סאונע, זיין נייער האָבי אויפן אָרט פון פישפאַנג.

אָבער זיין באַליבטסטע פאַרוויילונג איז דער משפחה־פיקניק, טיילמאָל מיט פעטערס און מומעס און אנדערע קרובים, אויף איינעם פון די פרעכטיקע פונקטן אין מדבר. זעלטן ווער עס קען אזוי גוט דעם מדבר ווי ער.

זינט דעם נצחון איז נאָך שטאַרקער געוואָרן זיין באַ־
קאַנטשאַפט מיטן מדבר. ער פאָרט אַ סך אַרום אויף אינס־
פעקציעס איבער דער ריזיקער גרויס פון זיין ראיאָן, באַ־
זוכט מיליטערישע איינהייטן, שטרייכט אונטער די וויכטי־
קייט פון איינגראָבן זיך, זאָרגט פאַר פאַרווײלונג, פאַר
באַקוועמערע איינריכטונגען.

די „פּאָליטישע זייט" פון נצחון איז נישט אינעם דריב־
גענדיקן געביט פון זיינע קאָמפּעטענצן און ער זאָגט זיך אָפּ
צו רעאַגירן אויף פראַגן צי „מען דאַרף זיך צוריקציען" און
אויף ווי ווייט.

זיין אין לאַנד פון די אבות. פּריינט און שכנים האָבן אים
געפּרווט אָפּהאַלטן פון דער דאָזיקער אוואַנטורע, פון פאָרן
אין א חרוב און וויסט לאַנד, וווּ „פוקסן שפּאַצירן אַרום און
שאַקאַלן יאָמערן אין די נעכט אויף די חורבות". דערצו
נאָך איז ער שוין געווען דעמאָלט אַ מטופל מיט ווייב און
דריי קינדער. אָבער אפרים־פישל אַראַנסאָן, אַ מענטש מיט
א שטאַרקן כאַראַקטער, האָט באַשלאָסן און פאַרווירקלעכט.
זיין מזל איז געווען, וואָס די פרוי האָט פונקט ווי ער גע־
האַט די אייגנשאַפט פון דערהויבענער עקשנות. איר פאָטער,
אַ באַרדיטשעווער ייד, אַ תלמיד־חכם, איז געווען דער ראש
הקהל פון באַקאַו און איז אַרעסטירט געוואָרן אין רעזולטאַט
פון אַן עלילת־דם. מיט גרויס גבורה האָט ער אויסגעהאַלטן
אַלע פּיין און זיך נישט איינגעבראָכן. זיין טאָכטער, מלכה,
איז געווען אַזוי העלדיש ווי איר פאָטער.

ווען די אַראַנסאָנס זענען געקומען אין לאַנד אַריין איז
די ווירקלעכקייט געווען א סך שווערער ווי זיי האָבן זיך
פאָרגעשטעלט. די פרוי האָט געמוזט אין דער גליאיקער היץ
ברעכן זיך די פיס, כדי צו ברענגען פון גאָר ווייט אַן עמער

וואַסער. די אויסגעטרוקנטע ערד האָט נישט געגעבן קיין פּרוכטן; נישט געווען קיין הייזער צום וווינען און די עו־לים האָבן געמוזט וווינען אין געצעלטן. בייטאָג האָט גע־פּייניקט די היץ און ביינאַכט די קעלט; די מאַלאַריע האָט אָנגעמאַכט א חורבן. אַ סך פּרויען זענען געווען אנטוישט, רעזיגנירט און פאַרביטערט צוליב דער אויסערגעוויינלע־כער היץ, צו וועלכער זיי זענען נישט געווען צוגעוווינט און זיי האָבן גענומען פאָדערן פון די מענער אומצוקערן זיך אהיים. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זיך אונטערגעגעבן. מלכה אַראָנסאָן האָט געמוטיקט איר מאַן: „שטיינער וועלן מיר קייען און נישט אומקערן זיך" — האָט זי צו אים גערעדט.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָבן זיי מיט זיך געהאַט דריי קינדער: דער דרייסטער קעמפער, וועלכער איז יונג אומגעקומען אין מיסטעריעזע באַדינגונגען). איז אַלט גע־ווען זעקס יאָר; דער צווייטער צבי — 4 יאָר, די טאָכטער

# שרה אראנסאן
## דאס לעבן און טויט פון דער ניליָ-העלדין

### — אייזיק רעמבא —

אויף רח׳ המייסדים, די הויפּט־גאַס פון זכרון יעקב, געפינט זיך דער בית־עלמין פון דער מושבה. נאָענט צום אַריינגאנג פאַרהאַלט זיך דאָס אויג ביי צוויי קברים־בלאָקן, וואָס זענען דורכגעטיילט מיט פּירקאַנטיקע אייזערנע פּלויטן. יעדער בלאָק באַשטייט פון צוויי קברים.

אויף איין מצבה איז אויסגעקריצט דער נאָמען: אפרים פישל אראָנסאָן.. אויף דער צווייטער איז אויסגעקריצט בלויז דער ערשטער נאָמען: אלכסנדר. לינקס אינעם צווייטן בלאָק, זענען פאַראַן נאָך צוויי קברים. אויף איין מצבה איז פאראן דער נאָמען מלכה אַראָנסאָן. עטלעכע טריט ווייטער — א צווייט קבר און אויף דער מצבה — דער נאָמען: שרה.

אונטער דער דאָזיקער שטיינערנער מצבה האָט מען מיט פופציק יאָר צוריק, מוצאי סוכות, קובר געווען דאָס זיבן און צוואנציק־יאָריקע יידישע מיידל, ועמענס נאָמען איז פארוואנדלט געוואָרן אין א לעגענדע, ווי איינע פון די העלדינס פון פאָלק.

ביידע קברים־בלאָקן זענען פון איין משפּחה: פון פאָטער און מוטער אראָנסאָן און זייער טאָכטער און זון. דאָס איז די משפּחה, וועלכע האָט געשאפן די גרופּע ניל״י (ראשי תיבות: „נצח ישראל לא ישקר״), וואָס האָט אָרגאניזירט דעם שפּיאָנאזש־נעץ אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, כדי צו העלפן ענגלאנד דעראָבערן ארץ־ישראל פון די טערקן, וואָרום מיט ענגלאנדס נצחון איז געווען פארבונדן די גרויסע האָפענונג אויפצושטעלן די יידישע מדינה אין היסטאָרישן פאָטערלאנד.

עס טרעפן זעלטן אַזעלכע פאַלן אין דער געשיכטע פון פעלקער, אַז א גאנצע משפּחה: דער פאָטער, די זין און די טעכטער, אַלע צוזאַמען, זאָלן פון פרייעם ווילן זיך מאָביליזירן אין נאַציאָנאַלן דינסט, ווו איבער אַלע שוועבט די שטענדיקע געפאַר. די משפּחה האָט באַצאָלט דעם טייערסטן פּרייז, פּיין און טויט, פאר אירע געוואגטע מעשים. איצט איז געוואָרן פופציק יאָר נאָכן טויט פון דער העלדין שרה אראָנסאָן, וואָס האָט געמאכט אַ סוף צו איר לעבן, כדי די טערקן זאָלן נישט אַרויסקריגן פון איר די סודות פון דער ערשטער יידישער אונטערערד אין אונדזער דור.

## די עלטערן — פון דער ערשטער עליה

מיט דער ערשטער עליה, אין יאָר 1882, זענען אפרים־פישל און מלכה אראָנסאָן געקומען קיין ארץ־ישראל פונעם שטעטל באקאו, אין רומעניע. אין זיין געבורט־שטעטל איז אראָנסאָן געווען א רייכער מענטש, אַ תבואות־סוחר. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג און האָט באשלאָסן צו ליקווידירן זיינע געשעפטן און עולה צו

ליזע — צווײ יאָר. באַלד נאָך זײער קומען אין לאַנד אַרײן איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ טאָכטער, אָבער נאָך אײניקע חדשים איז זי געפאַלן אַ קרבן פון דער מאַלאַריע. עס זענען פאַרבײ אײניקע יאָר און ליזע, די זיבן־יאָריקע, איז אויך געשטאָרבן. צרות און יסורים האָבן זיך געשיט איבער דער משפחה, וואָס האָט זיך מיט די נעגל געקלאַמערט אין דער ערד פון זכרון יעקב. די אומגליקן האָבן זײ נישט אײנגעבראָכן און זײ האָבן אויף קײן אײן מינוט נישט געטראַכט וועגן אַרויספאָרן פון לאַנד.

## די געצערטלטע טאָכטער וואָס איז געווען פאַרהאַרטעוועט

אַכט יאָר נאָך זײער קומען אין לאַנד אַרײן איז בײ זײ געבוירן געוואָרן די טאָכטער, שרה. די שמחה אין שטוב איז געווען גרויס. דאָס קינד איז געווען אַ טרײסט נאָך די צווײ געשטאָרבענע טעכטער. זי איז געווען שײן און קלוג, האָט אַרײנגעבראַכט אין שטוב ליכט און פרײד. די עלטערן און אירע צווײ עלטערע ברידער האָבן זי געצערטלט.

מיט דער צײט זענען אין דער משפחה צוגעקומען נאָך דרײ קינדער: רבקה, שלמה און אלכסנדר. אָבער די באַזונדערע באַציאונג, וואָס שרה האָט באַקומען אין די יאָרן, ווען זי איז געווען אַ בת יחידה, האָט מען איר אַרויסגעוויזן אויך ווען זי איז אונטערגעוואַקסן.

מיט די יאָרן האָט די משפחה זי נאָך שטאַרקער ליב געהאַט, ווײל שרה איז געווען אַ געלונגען מײדעלע, פלינק און געשיקט און טאַלאַנטירט צו יעדער זאַך. זי האָט געהאַט געבענטשטע הענט, האָט געקענט קאָכן, פירן די ווירטשאַפט

און טאָן יעדע ארבעט. זי האָט געוואשן די פּאָדלאָגעס, געקאלכט דעם סופיט, געוועבט, געשטריקט און גענייט. זי האָט אַליין גענייט די העמדער און וועש פאַר איר ברודער צבי צו זיין חתונה, די קליידער פאַר זיך און פאַר איר מו־טער און שוועסטער רבקה. איר מוטער האָט וועגן איר גע־זאָגט: „זי איז אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע. יעדן פינגער דאַרף מען אויסקושן ביי מיין שרהלען" (אַזוי האָט מען זי גערופן פון קליינערהייט אָן: שרתי).

זי איז געווען שיין און קלוג, ערנסט, אָבער נישט או־מעטיק. זי האָט געשמייכלט און געלאכט, אַרויסגערופן פרייד אין אַלעמענס הערצער. די אראבער אין זכרון (זאַ־מאַרין האָט מען גערופן די מושבה אין אַראַביש), וועלכע זענען אָפט אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב אַריין, האָבן געזאָגט „שרהס שמייכל איז א היילונג". זי האָט געהאט אַ חוש פאַר הומאָר און אירע קלוגע און פיין־געצילטע באַ־מערקונגען האָבן אַרויסגערופן אַלעמענס באַוואונדערונג.

## אבשלום פ״נבערג און איר חתונה מיט חיים אברהם

באשאַנקען מיט אַ סך מעלות, פול מיט חן און צויבער האָט שרה געהאט אַ סך דערפאָלג אין דער געזעלשאַפט. די בחורים פון זכרון און פון די נאָענטע מושבות האָבן זיך תמיד געדרייט אין זייער שטוב און שרה האָט געהאט אַ סך אדאָראטאָרן, וועלכע האָבן געזוכט איר נאָענטקייט. איינער פון די בחורים, וואָס איז געווען אַן איינגייער אין זייער שטוב, איז געווען אבשלום פיינבערג, אַ זון פון די „בילויים", ישראל פיינבערג און פאני פון די בעלקינדס.

אַבשלו מאיז געווען אראַנסאָנס רעכטע האַנט אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּערימענטאַלער סטאַציע אין עתלית. ער איז אויך געווען זיין הויפּט־געהילף ביים גרינדן ניל״י, ווען עס איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. ביי די אַראָנסאָנס איז דערוויייל אונטערגעוואַקסן נאָך אַ טאָכטער, רבקה יינגער מיט עטלעכע יאָר פון שרה. ביידע שוועסטערס האָבן ליב געהאַט דעם סימפּאַטישן אבשלום. אויך אים זענען ביידע געפעלן, אָבער אויסגעקליבן האָט ער די יינגערע, רבקה.

נישט געקוקט אויף דעם רייכן אויסוואַל פון שיינע און ענערגישע בחורים, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר, האָט דער גורל געוואָלט, אַז זי זאָל חתונה האָבן דווקא מיט אַ מאַן פון דרויסן, מיט וועלכן עס האָט זי נישט פאַר־בונדן קיין שום גייסטיקע און אויך נישט פסיכישע פאַרבינ־דונג. ער איז אויך געווען פיל עלטער פון איר. צוליב אים האָט זי פאַרלאָזט דאָס לאַנד און אוועקגעפאָרן מיט אים קיין קושטא, די הויפּטשטאָט פון טערקיי. עס זענען אַרומ־געגאַנגען קלאַנגען, אַז די סיבה פון איר חתונה האָבן מיט חיים אברהם איז געווען איר אויסזיכטסלאָזע ליבע צו אב־שלום פיינבערג. איר שטאַרקער כאַראַקטער צוזאַמען מיט איר אַריסטאָקראַטיע און איידלקייט האָבן איר באַוויגן צו רעזיגנירן פון אים לטובת איר יינגערער שוועסטער און זי האָט דערפאַר געוואָלט אויף אַ צייט זיך דערווייטערן פון זיי, פאַרשווינדן פון זייער סביבה.

מעגלעך, אַז צוליב דער דאָזיקער אנטוישונג האָט זי באַשטאַנען אויף דעם שידוך, וואָס איז געקומען צופעליק. די שדכנטע איז געווען די מאַדאַם לוי, דאָס ווייב פון געווע־זענעם ראש־עיריה אין חיפה אין די צייטן פון ענגלישן

מאַנדאַט. שבתאי לוין איז דעמאָלט געווען אַ העכערער באַאַמטער אין יק״א און דער הויפּט־בוכהאַלטער פון דער עקספּערימענטאַלער סטאַציע אין עתלית. די מאַדאַם לוי האָט באַקענט חיים אברהם אין קושטא, ווו זי איז געווען אין



מלכה און פישל אראָנסאָן

אַ פּענסיאָנאַט. ער האָט געשטאַמט פון בולגאַריע, אַ רייכער סוחר, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אימפּאָרט און עקס־פּאָרט, איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער ציוניסט און גע־רעדט עברית. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וויל חתונה האָבן מיט אַ פרוי פון ארץ־ישראל, ווייל ער גרייט זיך צו פאָרן אַהין און באַזעצן זיך אין לאַנד. זייענדיק רייך, האָט ער געבעטן, אז זי זאָל אים שדכנען דאָס בעסטע מיידל אין

ארץ־ישראל. אין איר מוח האָט אויפגעבליצט דער געדאנק, אז שרה אראָנסאָן איז אַן אידעאַלע קאנדידאטין. לויט איר איניציאטיוו איז דער חתן געקומען צו פאָרן קיין זכרון און באגעגנט זיך מיט שרה. די משפחה איז נישט געווען



אהרן, אלעקסאנדער און שרה אראָנסאָן

באַגייסטערט מיט אים. ער איז נישט געווען קיין סימפּאַ־טישער מאַן, האָט אויסגעזען נאָך עלטער ווי ער איז געווען. זיי האָבן געמיינט, אז שרה וועט אים נישט וועלן, אָבער זי האָט אים גוט אויפגענומען און מיט אים חתונה געהאט. אַן ענטוזיאזם אָבער קורץ און גיך.

צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען, וואָס די מוטער האָט שוין נישט געלעבט. זי איז נפטר געוואָרן מיט אַנדערט־

האלבן יאָר פריער, אַלט זייענדיק 59 יאָר. די מוטער מיט איר שטאַרקן ווילן און גוטן קענען דעם כאַראַקטער פון מענטשן, וואָלט זיכער נישט דערלויבט שרהן חתונה צו האָבן פאַרן דאָזיקן מאַן. דאַקעגן דער פאָטער, אַן אַרבעטס־מענטש און אַ פרומער ייִד, איז פון שטענדיק אָן געווען א שווייגער און נאָכן טויט פון זיין פרוי איז ער געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלעם.

מערץ 1914 איז אין עתלית פאָרגעקומען שרהס חתו־נה ביי אַן ענגן און אומעטיקן קרייז. זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו חיים אברהמען און די משפּחה איז נאָך געווען אין טרויער נאָכן טויט פון דער מאַמען. אויף פּסח זענען אַלע געפאָרן צום סדר קיין ירושלים. נאָך יום־טוב האָבן איר שוועסטער רבקה און אבשלום פיינבערג באַגלייט זי צו דער שיף, מיט וועלכער זי איז געפאָרן קיין קושטא. פאַר איר חתונה האָט זי צוגערעדט איר שוועסטער און אבשלום, אַז זיי זאָלן אויך חתונה האָבן אין זעלבן טאָג, ווען עס וועט פאָרקומען איר חתונה. זי האָט אַזוי אַרום געוואָלט פאַרענדיקן מיט דער ליבע, וואָס האָט געברענט אין איר האַרץ. זיי האָבן נישט אָנגענומען איר פאָרשלאַג. דער גורל האָט נאָך באַשטימט פאַר שרהן צו אַרבעטן ניין חדשים מיט אבשלומען אין דער ניל״י־גרופּע, ביז ער איז דערהרגעט געוואָרן אין די זאמדן פון מדבר סיני, אויף זיין וועג מיט אַ שליחות קיין מצרים.

## שרה קערט זיך אום אהיים

אין איר נייער היים אין קושטא איז שרה נישט געווען גליקלעך, האָט געפירט א מאָנאָטאָנעם לעבנסשטייגער. צו־

ליב זיינע געשעפטן האָט איר מאַן אַ סך פאַרברענגט אין די אייראָפּעאישע הויפטשטעט, אין בערלין און אין ווין, איז דערצו נאָך געווען אַ קאַרגער און האָט זיין ווייב קיינמאָל נישט מיטגענומען אויף זיינע רייזעס. מכלומרשט פאַרענט־פערט זיך, אז צוליב דער מלחמה זענען די וועגן געפערלעך און אז עס איז בעסער זי זאָל בלייבן אין שטוב. בלייבנדיק אליין איז איר בענקשאפט צו דער היים אין זכרון מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שטאַרקער. אַלע אירע בריוו צום ברודער און צו דער שוועסטער זענען דורכגעווייקט מיט טרערן און ווייטיק. זי שרייבט: „ווי שטאַרק איך באַגער אייך צו זען. ווען איך קען פליען און זיך אריינגנבענען צו אייך אויף א קורצער צייט. אַ לעבן וואָלט איך אַוועקגעגעבן פאַר בלויז אַ קוק טאָן און זען וואָס איר מאכט. איך האָב נישט גע־גלייבט, אז איך וועל אַזוי משוגע ווערן פון בענקשאַפט נאָך דער היים".

אינצווישן איז פאָרגעקומען די גרויסע אויפטרייסלונג אין דער גאנצער וועלט. דאָס האָט אויך געטראָפן ארץ־ישראל און דערגאַנגען ביז צו די אראָנסאָנס. עס איז אויס־געבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. דייטשלאַנד און טערקיי זענען געוואָרן פאַרבינדעטע. אונטער דער הערשאַפט פון די באַרבאַרישע טערקן זענען אויף ארץ־ישראל געקומען פיין און יסורים, הונגער און נויט, רדיפות, אַרעסטן און גירושים. אהרון אראָנסאָן, וואָס איז, אלס וויסנשאפטלער געוואָרן באַ־רימט אין דער מערב־וועלט, איז נישט געזעסן מיט פאַר־לייגטע הענט. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנטן פאָ־ליטישן חוש, וויזיע און שווונג, געהאט אָפענע אויגן און אַ ווייטן בליק. ער האָט פארשטאנען, אז עס איז געקומען די צייט צו דערנענטערן דאָס באַפרייען ארץ־ישראל פון די

טערקן. ער איז אויך געווען א שונא פון די דייטשן, איז געווען ממש באשאַנקען מיט אַ נביאישן חוש צו זען, וואָס די יידן דערוואַרט נאָך פון דייטשלאַנד. אין אַפּריל 1915, ווען ער האָט אָנגעהויבן פּלאַנירן דאָס שאַפן דעם ניל״י, וואָס זאָל דורך שפּיאָנאַזש־דינסט העלפן די מערב־אַליאַנטן דעראָבערן דאָס לאַנד. האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער אַלכסנדר און צו זיין געהילף אבשלום פיינבערג: „יעדער, ווען עס איז טייער די פרייהייט, דאַרף איצט איינשטעלן זיין לעבן אין דער מלחמה קעגן די דייטשן, וואָרום אויב מיר זאָלן זיי, חלילה, לאָזן אַרויסגיין אַלס זיגער, וועט אין דער וועלט נישט בלייבן קיין ווינקל, ווו מיר זאָלן קאָנען פירן אַ ווירדיק לעבן״.

די ידיעות וועגן דעם ווילדעווען פון די טערקן און אַראַבער אין ארץ־ישראל זענען דערגאַנגען אויך צו שרהן אין קושטא. אין לאַנד האָט דעמאָלט געהערשט אַ שווערער הונגער. אַ באַנדע רויבער האָט פאַרשפּרייט אַ בילבול, אַז די יידישע איינוווינער פון חדרה פירן אַוועק ווייץ צו די ענגלישע און פראַנצויזישע שיפן. מיט יעדן טאָג איז אַלץ גרעסער געוואָרן די געפאַר פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַנצן לאַנד. שרה האָט מער נישט געקאָנט רואיק איינזיצן אין קושטא און שטעלנדיק איר לעבן אין געפאַר איז זי אַוועק צוריק קיין ארץ־ישראל. דריי וואָכן האָט געדויערט איר אוואַנטוריסטישע רייזע, אין מיליטערישע צוגן, מיט פורן, מיט אייזלען און צופוס, ביז זי איז אָנגעקומען קיין עפולה.

## אין שפּיץ פון דער ניל״י־נעץ

די שפּיאָנאַזש־נעץ פון ניל״י האָט שוין געהאַט אָנגע־

הויבן איר טעטיקייט און שרה אראָנסאָן האָט דערפילט, אז דאָ איז איר אָרט, אַז זי דאַרף און איז פעאיק צו געבן איר ביישטייער פאַרן דערפאָלג פון דער אַרבעט. איר שוועסטער רבקה און איר ברודער אלכסנדר האָט זי דעמאָלט נישט געטראָפן אין שטוב.ביידע זענען געשיקט געוואָרן דורכן עלטערן ברודער אהרון, קיין אויסלאַנד. נאָך א קורצער צייט איז אהרון אליין, דער אָנפירער און מוח פון דער גרופע, געפאָרן קיין מצרים, ווו עס האָט זיך געפונען דער ענגלישער מיליטערישער שטאב און פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין ענגלאנד, כדי אָנצובינדן די קאָנטאקטן צווישן ניל״י און אליאנטישן מיליטער. צען חדשים האָט שרה גע־אַרבעט צוזאַמען מיט אבשלומען ביים אָנפירן מיט דער שפּיאָנאזש־נעץ אין גאנצן לאנד און איבערגעבן די אינ־פאָרמאַציעס די פאָרשטייער פון די אליאנטן. די אינפאָר־מאַציעס זענען איבערגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלן שיפר, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן דורך ספּעציעל־געקומענע שיפן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג. דערנאָך, ווען אהרון האָט זיך לאנג נישט אומגע־קערט, איז אבשלום אַוועק דורכן מדבר אויפן וועג קיין מצ־רים מיט דער ספּעציעלער שליחות איינצושטעלן די קאָנ־טאקטן. אין מדבר איז ער געהרגעט געוואָרן. שרה, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז געווען צעבראָכן, אין טיפן טרויער נאָכן טויט פון איר פריינט, האָט גענומען אויף זיך דעם שווערן עול פון פירן די אָרגאניזאציע אין משך פון לאנגע וואָכן און חדשים, טאָג און נאַכט, אין גרויסע געפאַרן.

איינמאָל האָט זי געהאלטן פאר נויטיק צו פאָרן אליין קיין מצרים, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף יענער זייט

פראָנט און איבערגעבן א וויכטיקע אינפאָרמאַציע, וואָס האָט געהאט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די מיליטערישע באַוועגונגען. איר ברודער אהרון און הויכע ענגלישע אָפיצירן האָבן געפרווט זי באַאיינפלוסן, זי זאָל זיך אויסבאהאלטן אויף אַ זיכער אָרט, אָבער זי האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, האלטנדיק, אז זי מוז פאָרזעצן איר ארבעט און איז נויטיק פאַר דער באַוועגונג.

## ניל"י האט אפגעראטעוועט דאס לעבן פון דרייסיק טויזנט זעלנער

מיט יעדן טאָג האָט זי זיך מיט אַלץ מער שווונג אַריינגעצויגן אין דער דאָזיקער ארבעט. מיט יעדער שיף, וואָס איז צוגעקומען צו עתלית האָט זי מיטגעשיקט מאטעריאל. זי האָט אַפילו אַרויסבאקומען געהיימע פּלענער, וועלכע זענען באהאנדלט געוואָרן דורך טערקישע און דייטשע אָפיצירן אינעם הויפּט־שטאב. זייערע אָנגריפן אויפן ענגלישן מיליטער האָבן מער נישט איבעראַשט. זי האָט צוגעשטעלט אינפאָרמאַציעס וועגן דער באַוועגונג פון די טערקישע ארמייען, וועגן הארמאטן־פּאָזיציעס און מאַשין־געווער, וועגן אמוניציע־מאגאזינען און וועגן דעם מצב פון באשפּייזונג און צושטעל צו די מיליטערישע איינהייטן. אַ הויכער ענגלישער אָפיציר האָט שפּעטער געזאָגט, אַז די אינפאָרמאַציעס פון ניל"י האָבן איינגעשפּאָרט ענגלאנד א סך קרבנות און אָפּגעראטעוועט דאָס לעבן פון דרייסיק טויזנט סאָלדאטן, און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון דער 26־יאָריקער שרה, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע פון צוואנציק מאַן.

אָבער דער שטריק האָט זיך אַלץ מער און ענגער פאַר־צויגן אַרום איר האלדז. לאַנגזאַם האָבן די טערקן גענומען דערווישן די שפורן פון די ניל״י־לייט. צענדליקער ארעס־טירטע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין דמשק, ווו עס האָט זיך געפונען דער אויבערשטאב פון טערקישן מיליטער. און ביי די אויספאָרשונגען האָבן זיי דורכגעמאכט אַלע פיין און טאָרטורן. נעמן בעלקינד איז געפירט געוואָרן צו דער תליה (אין דעם זעלבן דמשק, ווו מען האָט געהאָנגען אין פופציק יאָר אַרום אַלי כהן). עס באַצאָלט אויך מיט זיין לעבן ראובן שווארץ. צו די טערקן פאלט אויך אריין דער נאָמען פון שרה. אַ פאטאלער קלאפּ ווערט אראָפּגעלאָזט איבער איר קאָפּ, ווען אַ פאָסט־טויב, מיט וועלכער שרה האָט איבערגעשיקט אינפאָרמאַציעס אויף דער צווייטער זייט פראָנט, איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן אויפן הויף פון נעם גובערנאטאָר אין קיסריה ביים געבן עסן זיינע טויבן. אין די פעדערן פון דער טויב האָט מען געפונען אַ צעטעלע, וועמענס אינהאַלט איז זיי, אמת, נישט געלונגען צו דעשיפ־רירן, אָבער דאָס אָרט פון וואנען די טויב איז אַרויסגע־שיקט געוואָרן, האָט דערציילט ווער עס זענען די אַרויס־שיקער.

ווען קיין מצרים זענען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די ערשטע דורכפאלן פון ניל״י, האָבן שרהס פריינט געוואָלט זי ארויספירן פונעם לאנד. אָבער אַפילו ווען די שווערד איז שוין געלעגן אויף איר האַלדז, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו רירן פון אָרט. „דווקא ווו עס איז געפערלעך וויל איך זיין, און דווקא אין דעם מאָמענט, וואָס מיר וועלן דארפן דורכ־מאכן א שווערע צייט, וועל איך נישט פארלאָזן מיין אַר־בעט און מיינע מיטארבעטער. איך וויל, אז מיין געוויסן

זאָל נישט ליידן ווען איך וועל זיך דארפן זאָגן: אָט... איך בין געווען די גאנצע צייט, ווען עס איז געווען לייכט, אָבער אין דער שווערער שעה אנטלויף איך...״ — האָט זי געזאָגט צו אירע נאָענטע מענטשן.

## דער ארעסט און די פּייניקונגען

דעם ערשטן טאָג סוכות, דעם 1־טן אָקטאָבער 1917, האָט א מיליטערישע אָפּטיילונג, בראש מיטן גובערנאטאָר פון חיפה, אַרומגערינגלט זכרון יעקב פון אלע זייטן. אַ טאָג פריער איז שרה אָנגעקומען פון עתלית, כדי צו זיין יום־טוב מיט איר פאָטער אין זכרון. מיט אייניקע שעה פריער האָט איר א קוריער איבערגעגעבן די דרינגענדיקע ידיעה, אז מיליטער דערנענטערט זיך צו דער מושבה. פאַר איר איז געווען קלאָר, אַז זי איז עס דער הויפּט־ציל, אָבער זי האָט די מעלדונג אויפגענומען מיט אויסערלעכער רו, האָט שנעל אויפגערוימט די פארדעכטיקטע זאכן און פאַרנאַכט האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין טויער, וואָס גייט ארויס אין גאַס. די זעלנער זענען צוגעגאַנגען גלייך צום הויז פון די אראָנסאָנס, האָבן ארעסטירט דעם אַלטן פאָטער, דעם זון צבי און שרהן. מען האָט זיי אַלע אַוועקגענומען און אַוועקגעפירט צום טערקישן שטאב, וואָס איז געווען אויף דער צווייטער זייט גאָס, אין דער נידער.

פון די פארצייכענונגען, וואָס דער דאָקטאָר פון דער מושבה, ד״ר הילל יפה, האָט געמאכט אין זיין טאָגבוך, דערוויסן מיר זיך וועגן די ווייטערדיקע געשעענישן: אין דער נאכט אויפן 2־טן אָקטאָבער, האָט מען אים דרינגענ־דיק ארויסגערופן אין שטוב פון דעם אלטן אראָנסאָן (נאָך

אַ גאַנצער נאַכט פֿייניקונגען, האָט מען אים מיט די אַנדערע אַרעסטירטע אָפּגעפֿירט צוריק אין שטוב). דער דאָקטאָר פֿאַרצייכנט: „דעם אלטן האָט מען געשלאָגן מכות רצח, זיינע פֿיס זענען געשוואָלן און בלוי, ער האָט א שווערן אָטעם, אָבער ווייזט ארויס א סך געוואגטקייט. שרה האָט מיר געוויזן די צייכנס פֿון דער בייטש אויף איר קערפּער.



אבשלום פֿיינבערג

דער דאָקטאָר האָט זיך באַקלאָגט פאר דעם גובערנאטאָר, פארוואָס מען שלאָגט אַ פרוי, האָט ער געזאָגט, אז מען וועט ווייטער שלאָגן אויך דעם אלטן פאָטער, אויב זיין טאָכטער וועט זיך איינעקשענען און נישט וועלן דערציילן און אויסגעבן יוסף לישנאסקיס באהעלטעניש (לישאנסקי האָט צוזאמען מיט שרהן געארבעט אין ניל״י). זי האָט נישט געוואָלט אויסרעדן קיין וואָרט און האָט גענומען די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקייט אויף זיך. זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט שפּיאָנירט פאר די אליאנטן, אָבער נאָר זי, בלויז זי אַליין. די אָפיצירן האָבן אין איר קעגנווארט געשלאָגן און געפייניקט איר פאָטער. דאָס זענען געווען פאר איר די שווערסטע יסורים, אָבער נישט געקוקט דערויף האָט זי געהאלטן אין איין איבערחזרן: „כ׳בעט דיך, טאַטע, רעד נישט!״ און ער האָט געשוויגן. זעענדיק, אַז זיי קענען פון אים נישט ארויסבאקומען קיין וואָרט, האָבן זיי געשמיסן איר קערפּער מיט בייטשן. דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט ווייטער געשוויגן. זיי האָבן געריסן איר לייב מיט צוואנגען, האָבן אַריינגעלייגט קאָכיקע אייער אונטער אירע אָרעמס, האָבן געבראָכן די פינגער פון אירע הענט. זי האָט געשוויגן.

פיר טעג נאָכאנאנד האָט מען געפייניקט דעם אלטן אראָנסאָן, זיין זון צבי און נאָך אייניקע ניל״י־לייט. אָבער מער פון אלע — שרהן. די געשרייען פון די געפייניקטע האָבן פארטויבט די אויערן. מען האָט זיי געהערט איבער דער גאנצער גאַס. בעת די פייניקונגען האָט שרה די גאנצע צייט געשריגן אין פראנצויזיש און אראביש: „איר זייט רוצחים, איר זייט ווילדע, בלוטדורשטיקע חיות. איר זייט

פחדנים. און איך בין אַליין ארויס פּארטיידיקן מיין פאָלק, כדי איר זאָלט מיט אים נישט טאָן דאָס זעלבע, וואָס איר האָט געטון מיט די ארמענער... איך אליין, מיט מיינע אײ־גענע הענט האָב פאר אייך געגראָבן אַ קבר. איך האָב אָפּגעראַטעוועט מיין פאָלק... מיין קללה וועט אייך נאָכיאָגן ביזן סוף פון אלע דורות...״

דאָנערשטיק האָט די טערקישע מיליטערישע מאַכט באַ־שלאָסן אַריבערצופירן די אַרעסטירטע קיין נצרת, אויף שווערע אויספאָרשונגען. ווייזט אויס, אַז דעמאָלט איז אין שרהס האַרץ רייף געוואָרן דער באשלוס צו מאכן אַ סוף צו איר לעבן. זי האָט מער נישט געקענט איבערהאלטן די פּייניקונגען. באַזונדערס האָט זי געוואָלט דערמיט דינען אַלס ביישפּיל פאר אירע חברים, אַז זיי זאָלן נישט אויסגעבן קיין סודות, נאָר בלית־ברירה — אויב זיי וועלן שוין נישט האָבן מער קיין כוח צו ליידן — זאָלן זיי נאָכטון איר בײַ־שפּיל. זי האָט געבעטן אירע פּייניקער, אַז איידער זיי שיקן זי אַוועק קיין נצרת, זאָלן זיי דערלויבן איר אַהיימצוגיין איבערטון זיך, אַראָפּווארפן פון זיך די מלבושים, וואָס זענען געווען באפלעקט מיט בלוט.

פאַרן ארויסגיין פונעם הויז, אין וועלכן מען האָט זי געהאלטן אַרעסטירט, האָט זי אָנגעשריבן איר לעצטן צוואה־בריוו צו איינעם פון די ניל״י־מיטגלידער (דוד שטערנ־בערג). אינעם בריוו האָט זי דערציילט אלץ, וואָס זי האָט דורכגעמאכט און געבעטן איבערגעבן איר ברודער, ער זאָל נקמה נעמען פארן יידישן בלוט, וואָס די טערקן האָבן פאַרגאָסן. זי האָט אויך געבעטן איבערצוגעבן לישאנסקין, ער זאָל זיך נישט איבערגעבן די טערקן און זאָל נישט דער־ציילן קיין וואָרט, אויב ער וועט אריינפאלן צו די טערקן,

זאָל ער זיך דאָס לעבן נעמען. זי האָט אויך איבערגעלאָזט אינסטרוקציעס פאַר דער ווייטערדיקער ארבעט אין דער עקספּערימענטאַלער סטאַציע אין עתלית.

אין דער פריער מאָרגן־שעה האָט מען שרה אָפּגעפירט גאַס־אַרויף צו איר פאָטערס הויז. אירע הענט זענען געווען געשמידט אין קייטן, א זעלנער מיט א ביקס און באַגנעט האָט זי געהאַלטן ביי א שטריק און נאָך אייניקע באַוואָפנטע זעלנער האָבן זי באַגלייט פון ביידע זייטן. אירע פיס זענען געווען געשוואָלן פון די קלעפּ. דאָך האָט זי געשפּאַנט אַן אויסגעשטרעקטע אין איר פולער הויך, שטאָלץ, געוואָרפן בליקן אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט געוואָלט באַגריסן אַלע איינוווינער פון דער מושבה. אַזוי איז זי אַריינגעגאַנגען אין איר פאָטערס הויז, באַגלייט דורך די זעלנער. אין הויף זענען פאַראַן צוויי הייזער. רעכטס — די דירה, אין וועלכער עס האָט געוווינט דער פאָטער. לינקס — אהרונס הויז, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען א טייל פון זיין ביבליאָטעק, א שלאָף־צימער, אַן ארבעטס־צימער און א וואַש־צימער.

## אין גבורה-פּאַנטעאָן פונעם פאָלק

אינעם באָד־צימער הענגט נאָך היינט איר קלייד, וואָס זי האָט אָנגעטאָן, איידער זי איז אוועקגעפאַלן א פאַרגאָסע־נע מיט בלוט. אין דאָזיקן צימער שטייט נאָך די זעלבע וואַנע, ווו זי האָט געעפנט דעם וואַסער־קראַן, כדי צו פאַרמאַסקירן איר כוונה. שרה האָט פאַרשלאָסן די טיר און נאָך עטלעכע מינוטן האָט זיך דערהערט א שאָס פון א רעוואָלווער. דער רעוואָלווער, וועלכן זי האָט באַקומען פון א חבר איז געווען באַהאַלטן אין זעלבן צימער און זי האָט די קויל געצילט גלייך אין מויל אריין. זי האָט גע־

גלויבט, אז דער טויט וועט קומען אויפן אָרט. אָבער עס איז נישט געשען אזוי ווי זי האָט געוואָלט. אויפן אָפּהילך פונעם שאָס האָט אַ זעלנער אויפגעריסן די טיר פונעם באָד־צימער און האָט זי געפונען ליגן אויף דער פּאָדלאָגע נעבן דער וואננע און נעבן איר איז געלעגן דער רעוואָל־ווער. מען האָט שנעל ארויסגערופן דעם דאָקטאָר.

ד״ר יפה דערציילט:

„איך האָב געטראָפן שרהן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע אָן באוווסטזיין אין באָד־צימער. דער פּולס איז געווען א שוואַכער. דאָס בלוט איז גערונען פון אירע ליפּן. נאָך דער איינשפּריצונג פון קאָפעאין האָט זי צוריק באקומען דעם באוווסטזיין. זי האָט מיך דערקענט, האָט זיך געבעטן ביי מיר און געהעשעט: „אין נאָמען פון גאָט, מאך אַ סוף צו דעם אלעם!! כ׳בעט דיך, הרגע מיך!!״ דער דאָקטאָר האָט זי איבערגעטראָגן אויפן בעט אין נאָענטן צימער, האָט זי אונטערזוכט און זיך איבערצייגט, אַז דער פּאראליזש האָט פאַרכאַפּט אירע הענט און פיס. די קויל איז אריין אין מויל, איז דורך דער צונג און געבליבן שטעקן אין רוקנביין.

נאָך דריי טעג האָבן געדויערט אירע יסורים. דער טערקישער מיליטערישער שטאב האָט פון חיפה ארויסגע־שיקט צוויי קראנקן־שוועסטער, דייטשע מנישקעס, וואָס זאָלן זיך מיט איר פארנעמען. זיי זענען געווען פאראינטע־רעסירט זי אָפּצוראטעווען, כדי זיי זאָלן זי קענען ווייטער פאָרשן. פאר די קראנקן־שוועסטערס האָט שרה עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז דאָס הארץ טוט איר וויי, פארוואָס מען פייניקט איר פאָטער, וועלכער איז אינגאנצן אומ־שולדיק.

יעדעס מאָל, ווען דער דאָקטאָר איז צו איר געקומען,

האָט זי נישט אויפגעהערט צו בעטן, ער זאָל איר געבן סם. איר טעמפּעראַטור איז געשטיגן ביז פערציק גראַד. דער דאָקטאָר האָט געמאָלדן, אַז זי האַלט ביים שטאַרבן און די קרובים זענען געקומען זיך געזעגענען מיט איר. ביי אַלע האָט זי געבעטן אכטונג צו געבן אויפן פאָטער און באַמיען זיך, מען זאָל אים באַפרייען. אכט אַזייגער אינדערפרי, אויפן פערטן טאָג נאָך איר זעלבסטמאָרד, האָט זי אויס־געהויכט איר נשמה. שרה איז דעמאָלט אַלט געווען זיבן און צוואַנציק יאָר.

פופציק יאָר זענען פאַרביי זינט יענער צייט. די זין פון די אַראָנסאָנס לעבן שוין נישט. דער פאָטער, ר׳ אפרים־פישל, האָט געלעבט ביזן טיפן עלטער און איז נפטר גע־וואָרן ביי 91 יאָר. דער עלטסטער פון די זין, אהרון, איז אומגעקומען צוויי יאָר נאָך שרהס טויט אין אַ מיסטעריע־זער עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע אויפן קאַנאַל לאַ־מאַנש, ווען ער איז געווען אין אַ נאַציאָנאַלער שליחות. געשטאָרבן זע־נען אויך די צוויי אַנדערע זין, ניל״י־מיטגלידער, צבי און אלכסנדר. געבליבן איז בלויז רבקה און זי טראָגט אויס שטאָלץ און באַשיידן די גבורה־טראַדיציע פון די אַראָנ־סאָנס. אַ קרוב, יורם אפרתי, א זון פונעם ניל״י־מיטגליד דוד סאָקאָלאָוויטש היט אָפּ טריי און פלייסיק די גייסטיקע ירושה, אָנפירנדיק מיטן הויז פון די אַראָנסאָנס. עס העלפט אים דערביי אברהם שדמון, דער דירעקטאָר פון אַרכיוו און פון אהרונס רייכער ביבליאָטעק. אינעם פליגל פונעם הויז, וווּ שרה איז געשטאָרבן, זענען נישט פאָרגעקומען אין משך פון דער צייט קיין שום ענדערונגען. אַן אַטמאָספער פון ראָמאַנטיק און קדושה שוועבט איבערן הויז און איבער

די מעבל, וואָס געפינען זיך דאָרט, מיט יעדעס יאָר, מיט יעדן חודש, ווערט אַלץ גרעסער די צאָל באַזוכער.

אין יענער צייט האָט די ניל"י־גרופּע נישט געגאָסן פון אַזאַ פאַרערונג אין לאַנד. היינט זענען צו שרהס קבר עולה־רגל צענדליקער און הונדערטער יוגנטלעכע פון פאַרשידענע קרייזן, פון שולן און יוגנט־באַוועגונגען.

✶

אין יענער צייט האָבן אַ סך פון די עסקנים אין ישוב געהאַט אַ פּראָ־טערקישע און פּראָ־דייטשע אָריענטאַציע. עס האָט זיי געפעלט די פּאָליטישע רייפקייט און זיי האָבן געהאַלטן, אַז שפּיאָנאַזש, אַפילו ווען ער ווערט געפירט פאַרן סאַמע דערהויבנסטן און לויטערסטן ציל, איז אַן אומווירדיקע זאַך. עס האָט אויך געהערשט דער פּחד פאַר דער נקמה פון די ברוטאַלע טערקישע הערשער, זיי האָבן דערפאַר געשאַפן אַרום דער קליינער און געוואַגטער ניל"י־גרופּע אַן אַטמאָספער פון שנאה, וואָס איז דערגאַנגען ביז מסירה און האָבן אַזוי אַרום באַשווערט זייער טעטיקייט און פאַרגרעסערט די געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף די ניל"י־מיטגלידער.

יענע צייט איז אַוועק און וועט זיך שוין מער נישט אומקערן. דער גרויסער כבוד און די טיפע פאַרערונג, וועלכע דאָס פאָלק ווייזט אַרויס פאַר אלי כהן הי"ד, וואָס איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן אין סיריע, זאָגן עדות אויף דער קאָלאָסאַלער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די הערצער פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט.